לקבל מאכריו את החלב לחלוקתו בין לקוחותיהם. אי־שם לא רחוק מהמאפיה היהודית היה נראה עומד לו סבל יהודי, שחבל כרוך סביב מותניו, והוא נוגס בלחם הטרי שקיבל מהאופה בעד הכנסת העצים לתנור. בסימטה קרובה ניתן היה לראות אשה הצועדת צעדים מהירים והיא עמוסה לעיפה תבניות פח גדולות ועליהן עוגות טריות שזה עתה הוצאו מן התנור. היא ממהרת לביתה כדי להספיק להלביש את ילדיה הקטנים ולהאכילם לפני שהיא פותחת את בית המרזח שלה. בצעדים אטיים חוזר לו באותה שעה בעלה מבית המדרש לאחר שסיים תפילת שחרית.

אי־פה ואי־שם מתחילות להיפתח החנויות השונות ונראית תכונה בקרב החנוונים ליום זה ולקבלת הקונים הראשונים. בככר מציגים הירקנים את תוצרתם ובפינה אחרת של אותה ככר כבר נראים העגלונים שכבר הספיקו להאכיל לשובע את סוסיהם ולהעלות את שקי השעורה לעגלות והם דוהרים, תוך כדי דירבון הסוסים, לכיוון תחנת הרכבת כדי לנסות שם את מזלם ולהרויח את הפרוטות הראשונות.

מכיוון הכנסיה מתפשט הד צלצולם של הפעמונים, ומפינות שונות נראות דמויות של אנשים הבאים לתפילת בוקר. באותו זמן ניתן כמו כן לשמוע צפירה ממושכת המגיעה מבית החרושת "ווסטן" ואליו מתחילים לנהור בצעדים מהירים פועלים ופועלות מהכפרים הסמוכים.

תקיעת כף

התנועה הולכת וגוברת ומכיוונים שונים מגיעים כפריים בעגלות עמוסות תוצרת ופקחי המועצה העירונית קובעים בשבילם את המקומות שבהם יעמדו. בד בבד עם התגברות התנועה נפתחות שאר החנויות, יהודים מצטופפים סביב העגלות כדי לראות מה הביאו האכרים ומה הוא המחיר שהם דורשים בעד תוצרתם ומתחילים להתמקח אתם.

קרוב לשעה שמונה מתחילה התנועה של תלמידים, יהודים ונוצרים, לבתי ספרם. אחדים לבית ספר יסודי, הקרוי "פובשכנה" (כללי) ואחדים — לרוב ממשפחות אמידות וביניהם קומץ בנים ובנות יהודיים — ממהרים לבית ספר תיכון ומקצועי.

לאט לאט מתמלאת הככר עגלות, פרות, סוסים, חזירים, עזים וכבשים — למכירה. בין כל אלה מסתובבים קצבי העיירה, ברובם יהודים זקופי גו, בעלי מבנה אתלטי, והם ממששים ובודקים את הבהמות שהוצעו למכירה ומתמקחים עם האכרים על המחיר. לאחר שמשתווים על המחיר ולפני שמתבצעת העיסקה נוהגים הם לתקוע כף חזקה לכפו של האכר המוכר. תקיעת הכף היא סמל להסכמת הצדדים והיא שווה בעיני הצדדים כחוזה חתום ומאושר אצל עורך־דין...

לאחר מכן נוהגים הצדדים לסור לבית המרזח ללגימה של כמה כוסיות יי"ש וזאת על חשבון העיסקה.

בפינה אחרת של הככר מתרכזות אכרות המציעות למכירה פירות וירקות שונים. הן מתיישבות על הקרקע וסביבן נשות העיירה הקונות מהן דובדבנים, תות, אוכמניות וכו׳. בפינה אחרת נמכרים כלים שונים, עציצים, סירים. גם בין העגלות מסתובבים קונים מבני העיירה וקונים את התוצרת החקלאית: תרנגולות, אווזים, ברווזים — המשמיעים קרקורים שונים המתלכדים עם הקריאות הקולניות של המוכרים והקונים להמולה אחת המאפיינת את ימי היריד הסואנים.

בנוסף לקונים הישירים פועלים ביריד גם מתווכים, המעבירים את הסחורה מהאכר לסוחר. המדובר הוא בקנייה סיטונית של שקים ובהם תפוחי אדמה, תפוחים, אגסים ותבואות שונות (חיטה, שיפון, שעורה, שבולת שועל, קטניות וכו׳).

מצפים ליריד הבא

החנויות היהודיות מתמלאות בינתיים אכרים הקונים בכסף שפדו את צרכיהם. האחד קונה מעיל לעצמו או שמלה לאשתו והאחר — נעליים או חפצים ״עירוניים״ שאין להשיגם בכפר מגוריו. לא מעטים ביניהם ממלאים את בתי המרזח המלאים עשן טבק זול ושותים לשכרה ומתוך שכחה עצמית. תגרות עד זוב דם אינן מן התופעות הנדירות.

כשמתקרב היום לקצו מתרוקנות החנויות, מספר העגלות העומדות על הככר פוחת והולך עד שאחרוני האכרים חוזרים לכפריהם. מטאטאי הרחוב מנקים את הככר ואוספים את האשפה לערימות ערימות שאותן מנצלים ילדי המקום כדי לקפוץ מעליהן.

העיירה מתרוקנת מהאורחים שבאו ליריד והיא חוזרת לחיים שלווים ומנומנמים תוך צפיה ליריד הבא שיביא עמו את הפדיון הצפוי שעליו פרנסת רוב רובם של יהודי העיירה.

העם כולו היהודי, הוא־הוא הנאחז ב״כאן״ אשר ישב פה
ובטח שלומי הבונד, ה״אגודה״ — יראי שמים כביכול,
ציונים דוברי רמות רוכלים תלושים —
כולם פתאום הקיצו — פקע הפצע ונפתח!
לארץ ישראל, להימלט... מלטו־הושיעו!
אך אחרו, כבר אחרו מאוד.

(מתוך ״השיר על העם היהודי שנהרג״ ליצחק קצנלסון
בתרגום וולפובסקי — ״כתבים אחרונים״)

ל. בלומענפעלד, פאריז

זכרונות פון אלקוש

צום פאַראייביקן דעם געהייליקטן אָנדענק פון אונזערע קדושים וויל איך צוטראָגן מיינע דערינערונגען פון מיין געבוירן־שטעטל אָלקוש, וואָס איז אכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן דורך די נאַציס.

פון אָלקוש זענען פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון אַסך פון די געשעענישן, עפּיזאָדן וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אַ חותם אויף אייביק.

תמיד איינגעהילט אין פרימיטיוון לעבן, איז אָלקוש געווען אַרומגערינגלט מיט רייכע נאַטורלאַנדשאַפטן... אַזוי ווי אַלע שטעטלעך אין פּוילן, זענען געווען ביי אונז אָרימע און רייכע. איך האָב זיי אויסגעטיילט אין 4 קאַטעגאָריעס, אַזוי ווי איך האָב זיי געזען אין דער ווירקלעכקייט: 40 פּראָצענט זענען געווען אָרים ווי די נאַכט. 30% בדוחק אויסגעקומען מיט פּרנסה, אינטערגעשוויצט, אינטער־געמוטשעט, מנחם מנדלדיק, תמיד געפעלט עטלעכע זלאָטעס אויסצופירן אַ מסחר, געכאַפּט אויף דער שנעל אַ גמילות־חסד ביי אַ שכן... 20% געלעבט נישט שלעכט, אָבער אויפן חשבון פון אַנדערע, פאַרפלאָנטערט אין זייערע סוחרישע דורכפאַלן, דאָך זיך געהאַלטן און נישט איינגעבראָכן... אַ קליינער פּראָצענט בעלי הבתים — סוחרים רעאַליסטן מיט געזונטע אויסגערעכנטע קלוגע קעפּ און האָבן נישט געהאַט קיין דאגות... די איבריקע זענען געווען פאַבריקאַנטן, הורטאָווניקעס, וועלכע זענען געווען באַקאַנט אויך אויסער אָלקוש. ס׳שטעטל האָט זיי צוגעלייגט אַ חתימה, אַז זיי זענען די רייכסטע מענטשן...

אָלקוש האָט פאַרמאָגט אַ רב, אַ חזן, בעלי תפילות, בעלי תקיעות, און אויך אַזעלכע וואָס האָבן זיך דערוווייטערט, אָדער די געזעלשאַפט האָט זיי אַוועק־געשליידערט, מחמת זייער סאָציאַלע סיטואַציע... דאָס גרויסע אָרימקייט איז געווען אַ ספּעציעלע אָרימקייט, פון אַ באַזונדערן מין... אַ דלות איינגעפונדעוועט, נישט מעגליך געווען צו רירן פון אָרט. ס׳איז געווען מער ווי אַ ווונדער ווי אַזוי, און מיט וואָס מ׳האָט געלעבט, הגם די השגות זענען געווען קליינע ביז גאָר... די באַדערפענישן מינימאַלע, נישט פּרעטענדירט פאַר בעסערע באַדינגונגען, געבומען

אַלס פֿאַר ליעב, נישט מקנא געווען, שלום געמאַכט מיטן גורל. געליטן, געשוויגן, האָבנדיק בטחון אַז גאָט וועט אפשר העלפֿן. תמיד גרייט געווען צו טאָן אַ טובה וועמען... מיט אַ אויסערגעוויינלעכן אויסדויער, טיילמאָל מיט באַהאַלטענע טרערן, און דאָך שמייכלדיקע ליכטיקע פּנימער, וואָס האָבן פֿאַרדעקט אַלע יסורים, צרות און דאגות... אין די ימים נוראים האָבן זיי פֿאַרגאָסן טייכן מיט טרערן. ערב יום־כיפּור פֿאַר כל נדרי, ווען יידן פֿלעגן זיך ווונטשן — באַזונדערס די פֿרויען — באַגעגענדיק זיך מיט בליקן, נישט אויסרעדענדיק אַ וואָרט, זענען צווישן זיי אויסגעבראָכן ספּאָנטאַנישע געוויינען... כ׳דערמאָן זיך די מומע שרה, וועלכע איז געווען זייער אַ פֿרומע, פֿאַרהילט מיט אַ גרויסע פֿאַטשיילע, געהאַלטן אַ שווערן מחזור אין אירע הענט, אַריבערגעקוקט אַריבער די שפּעקולן וואָס זענען געווען אָנגעשפּאַרט אויף איר שפּיץ נאָז... צום סוף פֿון נעילה ווען די ליכט האָט שוין געצאַנקט, די הערצער אויסגעמאַטערט פֿון אַ טאָג פֿאַסטן, האָט זי געטרייסט די ווייבער אין שול. מיט נאַאיווקייט צוגעגעבן אַז נאָך אַזוי פֿיל וויינען, נאָך אַזוי פֿיל טרערן, וואָס קענען רירן טויטע שטיינער, וועלן זיך זיכער עפֿענען די טויערן פֿון די הימלען...

מען האָט געזוכט אַ׳אינהאַלט

כ׳דערמאָן מיך די בית המדרש בחורים, ביי די לאַנגע טישן, מיט די אָפֿענע ספֿרים האָבן זיי מיט מאָנאָטאָנישע טענער זיך געחקרנט ביי אַ בלאַט גמרא. געחלומט וועגן ציוניזם, אונטערגעברומט ביאַליקס לידער ״יש לי באר״ און ״אומרים יש אהבה״... געלייענט באַהאַלטענערהייט יידישע ביכער, געזוכט אַ אינהאַלט אין לעבן, געטראַכט פֿון וועלטלעכקייט און תכלית. צווישן די תלמודיסטן איז געווען אַ פּאָעט, ישראל גרינבערג, וועלכער האָט בשתיקה געשריבן לידער אויף סאָציאַלע־רעליגיעזע טעמעס...

אין די ווינטערדיקע פּראָסטיקע טעג ווען דאָס שטעטל איז געווען איינגעהילט אין ווייסן שניי, האָבן זיך די בחורים געוואַרעמט ביים הייכן קאַפּל־אויוון, געגריבלט זיך אין פּאָליטיק, געדאגע׳ט פֿאַר דער וועלט, אַ חוץ פֿאַר זיך...

כ׳דערמאָן זיך די טונקעלע וואָכעדיקע טעג, די רוישידיקע ירידים, די שטילע שבתים וועלכע זענען געווען אַלעמאָל צו קורץ... ביי מיר ליגן נאָך אין זכרון די סוחרים וועלכע האָבן געוואַרט אויף די מאַרק־טעג, געגלויבט אַז דער טאָג וועט ברענגען אַביסל פּרנסה... כ׳געדענק די גאַסן מיט די קלייטלעך פֿון וועלכע די קרעמער האָבן מיט מעלאַנכאָלישע בליקן אויסגעוואַרט אַ קונה... אָבער זעלטן זיך באַוויזן. אויב שוין יאָ ווער געקומען, האָט ער פֿאַרלאַנגט אַ פֿונט מעל, אַ זויערע אוגערקע, פֿאַר דריי גראָשן קלייען בארשט, אָדער געבעטן צו באָרגן אַ האַקמעסער,

אַ פּאַראָסטעט בלעכל, א.אַ.וו. און די וועלכע האָבן געדאגט ווו וועט מען נעמען אויף שבת... שווער געווען צוגויפצושטיקעווען אויף דעם הייליקן שבת. בטלנים, ליידיק־גייער וואָס האָבן נישט געזאָרגט פאַר זיך און זיך באַשעפטיקט מיט לשון הרע. דאָס שטעטל איז ביי זיי געלעגן אין זייערע געדאַנקען... לצים פלעגן חוזקן פון אַלעס און פון אַלעמען... האָבן געהאַט שוועריקייטן צו פאַרשטיין, און אפשר האָבן זיי נישט געוואָלט זיך דערזען אין דער רעאַליטעט...

דאָך האָט אָלקוש געהאַט אַ דינאַמישע יוגנט, וועלכע האָט געצינדן פלאַמען מיט האָפנונגען. מיט אונזער אָרימער פאַנטאַזיע, געזוכט אַרויסצוקריכן אויף דער נייער פאַר אונז וועלט, וועלכע איז געווען סודותדיק פאַרבאָרגן. מיר איז פאַר־בליבן אין זכרון דער סאָסנע וואַלד וואָס האָט פאַרשפּרייט ריחות, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט די שבתים און אָוונטן און דיסקוטירט. דאָרט, אויפן גרינעם גראָזיקן באַרג (מאכניצקיס באַרג) איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער געדאַנק צו שאַפן אַ "פּועלי־ציון" פאַריין, פון די חברים מאיר ראָזענפעלד, שרה, שלמה, און מלך גרויער ז"ל, ביי וועמען מיר האָבן אָפּגעהאַלטן די גרינדונגס פאַרזאַמלונג... דאָרט איז געווען אָנוועזנד לייזער פון דער סטאַציע, אַ צווייטער ראָזענפעלד, אַ צו־געדייזטער פון בענדין, און דער שרייבער פון די שורות.

מיט אַ רייכע דערפאַרונג פון זיין טעטיקייט אין קראקע האָט מאיר ראָזענפעלד געלייגט דעם גרונדשטיין פון "פּועלי־ציון" אין אָלקוש. דער ערשטער פּונקט פון פּראָגראַם זענען געווען קורסן צו לערנען יידיש, יידישע ליטעראַטור, געשיכטע א.אַ.וו. זיי זענען געווען די וועלכע האָבן געפלאַסטערט דעם וועג און ריכטונג פאַר דער שפּעטערדיקער יוגנט. אין יענער תקופה זענען אויך אַנטשטאַנען אַנדערע פאַרטייען: אַלגעמיינע ציוניסטן, מזרחי, אגודת ישראל, צעירי ציון און אַנדערע.

הייסע דיסקוסיעס זענען פאָרגעקומען אין דער שול, ווו דער זייער געשעצטער פירער פון "מזרחי" זישע סאנדזער ז"ל האָט זיך געשטעלט מיט זיין גרויסן טאַלאַנט און וואָגיקע אַרגומענטן קעגן רב'ס העצע אויף די מזרחיסטן, א.א.וו. צום סוף האָט דער רב מוסיף געווען, אַז אַלע יידן דאַרפן געהערן צו דער "אגודת ישראל". זישע סאנדזער און ש. ל. פאראסאל פלעגן האַלטן באַלערנדיקע פאָרטראַגן וועגן תנ"ך.

מיר פלאָנטערט זיך נאָך אין זכרון אַ משל פון גמרא שבת, בנוגע רו (שבת טראָגן). אנ'אפיקורס האָט געפרעגט, הלמאי גאָט שיקט שבת ווינטן, האָגלען, וועלכע רייסן ביימער, פאַרניכטן זאַנגען. אויף דעם ענטפערט די גמרא: יעדער אין זיין גביל האָט רעכט צוטאָן וואָס אים געפעלט. דער רבונו של עולם איז אין זיין גבול, מאַכט ער וואָס ער וויל, הגם ס'שווער געווען צו באַגרייפן. אָבער זישע סאנדזער האָט כמעט אַלעמען איבערגעצייגט.

זישע סאנדזער איז נפטר געוואָרן אין ישראל. כבוד זיין אָנדענק.

אונזערע לערער

אין אלקוש איז שטאַרק געווען דער פאַנאַטיזם, באַזונדערס ביי די חסידים, וועלכע האָבן געצוימט, און נישט צוגעלאָזט צו זען די ליכטיקייט פון דער דרויסנדיקער וועלט. פון דער צווייטער זייט איז געווען אַ קליינע צאָל פון האַלב־אַסימילירטע אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך געשאָפן מיט פוילנס באַפרייאונג. זיי האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ, נישט געהאָט קיין אינטערעס פאַר ״עמך״ יוגנט, אָנגעהויבן זיך צו שפיגלען מיט דער פוילישער קולטור.

דער גרעסטער טייל יוגנט וועלכע איז נאָר וואָס אַרויס פון טראַדיציאָנעלן רעליגיעזן חדר, האָט זיך געלערנט אַ פאַך, געוואָרן פאַרשקלאַפט, פאַרטעמפּט, פאַרבליבן אָן חינוך. אויך דער סאָציאַלער פּראָבלעם האָט געעגבערט אין מוח מחמת אויף חיונה האָט נישט געסטייעט. אַזוי האָט דאָס לעבן געפלאָסן, אַמאָל רואיק, אַמאָל שטורמיש. און ווען עס איז געשען אַ גייסטיקער איבערברוך, און מ׳האָט דערפילט בחוש אַז עס פעלט עטוואָס אויסצופילן דאָס טעגלעכע לעבן, דאַן איז אוריש געוואָרן אונזער לערער, וועלכער האָט געלערנט מיט זיין מעטאָדע, נעמליך מיט פוילישע אין פויליש־יידישע צייטונגען, באַזונדערס פּאָליטישע אַרטיקלען. אויב עס זענען פאָרגעקומען גרויסע געשעענישן אין דער וועלט, האָבן מיר דיסקוטירט ביז אין דער שפּעטער נאַכט. ער איז אויך געווען קאָרעספּאָנדענט פון דער זאַגלעמביער צייטונג. נאָך אַ געוויסער צייט קנעלן, האָבן מיר פאַרלאָזט אורישן, ווייל מיר האָבן זיך געגוויטיקט אין אַ לערער פון אַ העכערער מדרגה...

אין אַ געווענלעכן זוניקן פרילינג־טאָג, האָב איך פאָרגעלעגט אַ באַקאַנטן קריסטלעכן סטודענט פון גימנאַזיום וועלכן כ׳האָב געקענט פון פריער, ער באַזוכנדיק די פאָלקס שולע, און איך דעם חדר, אַז ער זאָל אונז געבן לעקציעס פון פויליש און דייטש און ער האָט מסכים געווען. מיר האָבן צונויפגעשטעלט אַ גרופּע פון 3 מיידלעך און 3 בחורים, געלערנט 3 מאָל אין דער וואָך אין דער וווינונג פון אַ מיידלס עלטערן.

אין אַ אנגענעמען קילן אָוונט, נאָך דער אַרבעט, גייענדיק צו דער לעקציע, האָב איך געטראָפן די טיר פאַרשלאָסן. נאָך אַ ווײלע קלאַפּן באַווייזט זיך די מוטער פון דעם מיידל מיט אַ ברוגזן פנים, און ערקלערט קאַטעגאָריש, אַז זי וועט מער נישט ערלויבן צו לערנען ביי איר און נישט איר טאָכטער. מיר זענען געבליבן צעטומלט. וואָס איז דאָ פּלוצים געשען? — האָבן מיר געפרעגט. אָבער די מוטער האָט נישט געוואָלט אונז ענטפערן...

מיר האָבן בשתיקה נאָכגעפאָרשט די סיבה. האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז שלעכטע מענטשן האָבן צוגעטראָגן בייזוויליקע רכילות, נעמלעך אַז דער סטודענט סימפּאַטיזירט צו איר טאָכטער...

אַזוי האָט זיך איבערגעריסן אונזער ווייטערדיקע לערנען...

א קריסטלעכע לערערין

דער זומער האָט זיך דערנענטערט צום סוף. דער אָנקומענדער הארבסט האָט די גרינע בלעטער פון די ביימער פאַרגעלט, און עס איז געוואָרן קאַלאַמוטנע אויפן האַרץ. דורך אַ צופאַל האָט איינער פון די חברה אויסגעפונען אַ לערערין וועלכע האָט געלערנט אין דער פאָלקס־שולע פון שטאָט, און האָט געגעבן אין די אָוונטן לעקציעס פאַר פריוואַטע פערזאָנען, ביי זיך אין דער היים. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ צווייטע גרופּע פון עטלעכע באַקאַנטע און אויפסניי אָנגעהויבן לערנען ביי דער קריסטלעכער לערערין, וועלכע האָט געהאַט העכערע בילדונג, אין געווען זייער אינטעליגענט.

אָבער פּלוצים פּאַסירט אַ מכשול. אונזער באחנ׳טע לערערין וועלכע איז געווען זייער שיין, סימפּאַטיש מיט פאַרחלומטע ראָמאַנטישע אויגן האָט געוואָרפן פייער־דיקע בליקן אויף איינעם פון אונזער חברה. טיילמאָל האָבן מיר באַמערקט אַז אַ צופרידנקייט איז אויסגעגאָסן אויף זייערע פאַרשעמטע פּנימער. און מיט איינמאָל איז אַ שוואַרצע קאַץ אַ דורכגעפלויגן, און דער בחור קומט נישט מער אויף דער לעקציע. דאַן האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז ער האָט זיך געשראָקן פאַר די קאָנ־סעקוועַנצן, זייענדיק פון אַ חסידישער היים (אַ גערער חסיד). ער האָט נישט לאַנגט געטראַכט און נעלם געוואָרן. אַ צייט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז ער געפינט זיך אין ארץ ישראל.

אַ צווייטער איז אַוועק אין מיליטער. אַ דריטער איז געפאָרן קיין דייטשלאַנד. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ צערודערונג אין אונזער גרופּע, און מיר זענען געווען געצוווּנגען זיך צו שיידן. מיט באַדויערן האָבן מיר פאַרלאָזט די העפלעכע גוטע לערערין...

די געזעלשאַפט „פּאָסטעמפּ" (די ביבליאָטעק)

אויף דער איניציאַטיוו פון עטלעכע סאָלאַנאָווע בונדיסטן, ב. ברוינשטיין, שמעון פרידמאַן, פאַראסאל, דענטיסטין פאַנץ, פּועלי ציון חברים מאיר ראָזענפעלד, ישראל לייב פריילין, מאצנער, נחום קערנער, און סקאַוראָנסקי, וועלכער האָט זייער אַסך בייגעשטייערט מאַטעריעל און טעכניש, האָט מען געגרינדעט די ביבליאָטעק מיטן נאָמען "פּאָסטעמפּ".

קודם כל האָט מען געברויכט געלט אויף צו קויפן ביכער. און פאַר דעם צוועק גיין צו די מענטשן וועלכע האָבן געהאַט אַ פאַרשטענדעניש פאַר אַ יידיש בוך. זייער אַקטיוו איז געווען ישראל לייב פריילין, צו וועמען די באַפּעלקערונג

האָט אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאַטיע מחמת ער האָט שיין געזינגען מיט זיין באַס־שטימע. ער האָט אויך געהאַט אַ חוש פאַר הומאָר, און זיין אַריינקומען אין אַ שטוב האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען פריילעכקייט.

ער פלעגט שפּעטער נאָכדערציילן וועגן זיינע באַזוכן ביי געוויסע סוחרים פון שטאָט כדי זיי צו בעשטייערן פאַר דער ביבליאָטעק. אויף איין פרוי האָט זייער געווירקט זיין אויפקלערונג, וועגן דער באַדייטונג פון דער ביבליאָטעק פאַר דער יוגנט וועלכע וועט אָנהויבן לייענען יידישע ביכער. און זי האָט באַפוילן איר מאַן: "יאָסל! געב אַ שיינע נדבה, ס'איז אַ מצווה!"

ביי אַ צווייטן גרויסן נגיד, זייער אַ קאַרגן, נאָכן איבערגעבן וועגן זייער באַזוך, איז ביי דער פרוי דאָס פנים געוואָרן פאַרוואָלקנט, און זי האָט אויפגעעפנט איר מענה־לשון: "וואָס ווילן זי פון מיר? איך קען זיך נישט פאַרקוקן אויף אַנדערע רייכע סוחרים. זיי קענען געבן געלט". און מיט רוגזה האָט זי געשריגן צו איר מאַן: "דוד! דו וועסט נישט געבן קיין גראָשן אויף ביכער שמיכער... פאַרוואָס דאַרף מען אויסגעבן געלט, אַז ביי מאַנעלן איז פאַראַנען גענוג ביכלעך, אויב ווער ס'וויל לייענען..."

די ביבליאָטעק "פאָסטעמפּ" איז דערעפנט געוואָרן מיט פייערלעכקייט.

אַ חוץ די שוין דערמאָנטע, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אַלס ביבליאָטעקאַרן רחל ראטמענטש, לאה קערנער, שמעון פרידמאַן, גראָסמאַן, פאנקאָווסקאַ, ר. לענדער, נ. מעלצער, מ. טשערנעצקי, פ. פאראסאל.

די יוגנט האָט גענומען לייענען ביכער, דיסקוטירט אין גאַס, און אין אַלע שטובן וועגן שרייבער און זייערע ווערק. דאָס שטעטל איז געוואָרן אויפגעלעבט, דער גייסטיקער מצב האָט זיך ענטוויקלט ביי דער יוגנט. אויך ביי די עלטערע בחורים וועלכע זענען געלעגן אין אַ לעטארגישן שלאָף, האָט זיך דערוועקט אַ צופרידנקייט. זיי האָבן קיינמאָל נישט אין זינען געהאַט צו לייענען אַ יידיש בוך.

ס'האָבן זיך אויך פאַרשריבן אַלס לייענער קריסטן. די ביבליאָטעק איז געוואָרן אַ שם דבר און האָט אַריינגעדרינגען אין אַלע קרייזן. מיט דער צייט האָט זיך די יוגנט נישט מער באַגניגנט מיט לייענען אַ בוך. מ'האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט.

ליידער האָבן גרויע וואָלקנס פאַרהילט די זוניקע טעג. קאַלטע ווינטן האָבן זיך צעבלאָזן. געוויסע פּערזאָנען האָבן אָנגעהויבן אַוועקפירן די ביבליאָטעק אויף אַנדערע רעלסן, זוכנדיק צו געפעלן דער קריסטלעכער אינטעליגענץ, און זיי האָבן געקויפט ווייניגער יידישע ביכער. שיקאַנירט די בחורים, פאַרלאַנגט פון זיי אויסטועץ זייערע היטלען אין זאַל בעתן טוישן זייערע ביכער. דאָס האָט אַרויסגערופן די

ערשטע אינצידענטן. מיר האָבן זיך געפילט באַוואוּלהט פון דער געשאַפענער סיטואַציע.

היתכן? ווו איז דער יושר? ס'איז דאָך אַ יידישע ביבליאָטעק, געשאַפן דורך און פאַר דער יידישער יוגנט. אונזערע פּראָטעסטן האָבן נישט געווירקט. פון טאָג צו טאָג האָט זיך דער האָריזאָנט פאַרשמעלערט און פאַרטיפט די חילוקי דעות. נישט מעגליך געווען מער קיין האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט בנוגע יידיש. די שטרייטן האָבן זיך אויסגעברייטערט, אַוועקגעשטעלט אַ מחיצה צווישן יידיש און פויליש. מיר זענען געבליבן אין אַ שווערער לאַגע. און מיר האָבן פאָרגעזעצט דעם קאַמף מיט די געגנער פון יידיש.

נאָך שלאָפלאָזע נעכט האָט דער אויפגייענדער פרימאָרגן געבראַכט נייע געדאַנקען, און נאָך עטלעכע וואָכן באַראַטונגען מיט אונזערע חברים און פריינט (מאיר ראָזענפעלד, שמעון שטאַרק, ישראל לייב פריילין, נחום קערנער, שמואל נחום קערנער, יענטל שוואַרצפעלד, שבה שערמאַן, שמעון פרידמאַן, שמואל בעריש לעווקאָוויטש און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות) האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען "מוזע".

„מוזע" געזעלשאַפט

אין אַ טונקעלן פאַרכמאַרעטן ווינטער טאָג, האָבן מיר מיט גרויסע שוועריקייטן צונויפגעשטעלט די געזעלשאַפט "מוזע", מיט אַ דראַמאַטישן קרייז, בכדי אויס־צושולן אַמאַטאָרן צו שפילן טעאַטער. מיר האָבן אויסגערעכנט אַז די הכנסה, וואָס מיר וועלן האָבן, וועט גיין פאַרן „פאָסטעמפ", כדי צו קויפן יידישע ביכער פאַר דער ביבליאָטעק. אויפסניי האָט מען זיך גענומען צו דער עבודה, וואָס איז גאָרנישט געווען לייכט... יעדער אָנהויב איז שווער, אָבער יענער אָנהויב איז געווען פון די שווערסטע, צוליב אַסך סיבות. קודם האָט מען געדאַרפט האָבן צייט. ליידער זענען מיר געווען באַגרעניצט, מחמת אונזער באַשעפטיקונג, פרנסה... מיר האָבן זיך געניטיקט אין פינאַנציעלע שטיצע, פון וועלכער מיר זענען געווען ווייט. מיר האָבן זיך געניטיקט אין סבלנות, שטאַרקן ווילן און מוט, און פיזישן כח. אָבער מיר האָבן אַלעס גובר געווען און געשאַפן אַ אַנסאַמבל אַמאַטאָרן, אַ גרופּע זינגער מיטן אָנטייל פון אלחנן ראָזענבלום, י. ל. פריילין, יהושע בירענבוים, שמעון פרידמאַן, שמחה קאַרצפעלד, דוד זאַבערמאַן און די מיידלעך גאָלדעלע פוקסבראַנער, טובה מיט איר שוועסטער, ש. שערמאַן, לאה שערמאַן, י. שוואַרצפעלד.


אונזער דערפאָלג איז געווען גרויס: מאַטעריעל און מאָראַליש. אונזערע טעאַטער פאָרשטעלונגען האָבן מצליח געווען. מיר האָבן איינגעאָרדנט קעסטל־אָוונטן, ליטעראַרישע שמועסן, אַראָפּגעבראַכט רעפערנטן פון וואַרשע, חסידישע

יוגנט האָט באַזוכט אונזערע פאָרלעזונגען, שפּעטער אפילו מיטגעאַרבעט אין אונזער געזעלשאַפט, פירענדיק אַ קאַמף מיט זייערע עלטערן, וועלכע האָבן באין ברירה נאָכגעגעבן זייערע פאָרטגעשריטענע קינדער.

ווען כ׳דערמאַן מיך יענע צייט שטעלט זיך ביי מיר די פראַגע פון וואַנען האָבן מיר דאמאָלט געשעפּט אַזוי פיל ענערגיע, אַזוי פיל אויסדויער און מוט. כ׳זע נאָך די יוגנט וואָס באַטייליקט זיך ליידנשאַפטלעך אין דיסקוסיעס אויף די פאַרזאַמלונגען, באַזונדערס ווען ס׳איז אַרויסגעטרעטן קאַרלינסקי פון די ״ליטעראַרישע בלעטער״ אין מזרחי־זאַל ביי זישע סאנדזער, מיט צוויי טעמעס: ״פלאָטקעס אין דער יידישער געזעלשאַפט״ און ״די יידישע מאַסן און דער ציוניזם״. נאָכן רעפעראַט האָבן די פאַרזאַמלטע אים באַוואָרפן מיט צענדליקער פראַגן. מיר האָבן אויפגעוויזן אַז ביי אונז איז דאָס נישט קיין פלאָטקעס... ס׳איז אַ ביטערע ווירקלעכקייט.

אַ אויסגעשעפּטער פיזיש, שפּעט אין דער נאַכט, האָט זיך דער רעפערענט געבעטן, נישט מער אים מאַטערן...

פון צייט צו צייט האָט דער שלום אונטערגעהינקט, מיט שטורמישע אינצידענטן. דאָס שטעטל איז געוואָרן פאַרפלאָנטערט אין אַ קריגעריי, אָבער אַלץ איז



שורה ראשונה, מימין לשמאל (יושבים): הערשל ערליך, זעליק סאפירשטיין, אבא טראפאער, שמעון שטאַרק, לייבל בלומענפלד, ש. נ. קערנער, גליקסמאן.
עומדים: מאיר ראַזענפעלד, יוסף קערנער, יהושע בירענבוים.

פאַרגעקומען צווישן פריינט, חברים, לשם שמיים, פאַר פראַגרעס. שווער צו גלויבן אַז דאָס אַלעס איז פאַרשווינדן, ענטשוויגן געוואָרן אויף אייביק, און געבליבן זענען בלויז זכרונות, אונזער איינציקע ירושה, ווייל דאָס איבריקע האָט די ברוטאַלע ווירקלעכקייט פאַרניכטעט. זייער אָנדענק וועט פאַרבלייבן איינגעקריצט אין אונזערע הערצער.

אינצידענט מיטן רב

אין אַ פראַסטיקן טאָג, ווען דער שניי האָט באַדעקט דאָס שטעטל, האָט דער רב געשיקט דעם שמש נאָך עטליכע פאַרשטייער פון דער געזעלשאַפט "מוזע" (נ. קערנער, שמעון שטאַרק, י. י. פריילין און דער שרייבער פון די שורות).ביים טיש זענען געזעסן עטליכע באַקאַנטע בעלי הבתים פון שטאָט. נאָך אַ קורצער איינלייטונג מיט פירושים, באַפעלט דער רב אַז ער וועט נישט ערלויבן יונגען מיט מיידן זאָלן שפילן טעאַטער. דאָס איז אַ חילול השם. צוגעגעבן האָט ער אַז מיר וועלן זיכער מסכים זיין מיט זיין פאַרלאַנג. מיר זענען געוואָרן צעטומלט און אַ קאַלטער שווייס האָט אונז באַגאָסן אויסהערנדיק דעם רבס אולטימאַטום. י. י. פריילין האָט אויפגעקלערט דעם רב אַז מיר זענען אַנגאַזשירט. 10 טעג פאַר דער פאָרשטעלונג איז אַלעס צוגעגרייט. מיר האָבן געמאַכט חובות צו מענטשן, און עס איז נישט לאָגיש פון רב אונז פארלעגן אַזאַך מיט וועלכער מיר זענען נישט מסכים. אָבער דער רב האָט נישט געוואָלט אויסהערן אונזערע גערעכטע טענות און מוסיף געווען — מיט אַ שטרענגן אויפגערעגטן טאָן — און געדראָט, אַז אויב מיר וועלן נישט אויספירן זיין געבאָט איז ער גרייט צו האַלטן אַ דרשה שבת אין בית המדרש, פאַרן עולם, אַז די עלטערן זאָלן שטערן די יוגנטלעכע צו באַזוכן אונזער פאָרשטעלונג. פאַרלאָזנדיק דעם טיש האָט דער רב מיט כעס צוגעגעבן: "מ'דאַרף אייך אויספאַטשן! איר זייט שקצים!"

אויף אַזאַ מין אָנגריף פון רב האָבן מיר זיך נישט געריכט. מיר האָבן זיך איבערגעקוקט אַלע פילענדיק אַז די בלוטן קאָכן, די נערוון אָנגעשטרענגט. מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט מיט אַ געשריי: גענוג! גענוג אויסגעהערט פון רב אַזעלכע עפיטעטן! ספּאָנטאַן האָט דער שרייבער פון די שורות אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַז אַלע ספרים זענען זיך צעלאָפן אונטערן טיש. אפילו די בעלי הבתים זענען געווען דערשטוינט פון רבס האַלטונג. פון צווייטן חדר האָט דער רב באַפוילן דעם שמש ער זאָל דערווייטערן די חברה. אויף דעם האָט ישראל לייב פריילין געענטפערט: "מיר דאַנקען דעם רב פאַרן כבוד. מיר וועלן שוין אַליין געפונען דעם וועג".

דער סוף איז געווען אַז מיר האָבן אַ דורכגעפירט די פאָרשטעלונג מיט גרויס דערפאָלג. און דער רב האָט נישט געדרשנט.

האַנטווערקער פאַרבאַנד

דער האַנטווערקער פאַרבאַנד איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער איניציאַטיוו פון א. בלום, א. גליקשטיין, א. ראפאפאָרט, ע. קאזשמא, מ. ש. שוואַרצבערג, רייטבערגער, ח. שטאַרק און דער שרייבער פון די שורות. אין דער פאַרוואַלטונג זענען געווען אַקטיוו מ. שטאַרק, ש. קארצפעלד, מ. מ. ווייצמאן, ש. ה. פוקס־ברוינער, ח. ה. גליקשטיין, ש. פשעכאַצקי, ש. ד. טענלער, י. גראָסמאַן, ל. גראָסמאַן, אַ. שטאַרק.

אונזער טעטיקייט איז באַשטאַנען קודם כל אין אָרגאַניזירן די בעלי־מלאכות אויפן עקאָנאָמישן געביט. מיר האָבן זיך אויך אַקטיוו אינטערעסירט מיט שטאָטישע ענינים, קהילה, מאַגיסטראַט, געשיקט דעלעגאַטן קיין וואַרשע אויפן צוזאַמענפאָר פון די יידישע האַנטווערקער אין פוילן.



מיר האָבן אויסגעהאַלטן אַ מנין צו דאַווענען שבת בציבור, אָבער מיר האָבן נישט געהאַט קיין ספר תורה צום לייענען, און נישט קיין בעל קורא. דורך דער פאַרמיטלונג פון משה שמש האָבן מיר אויסגעבאָרגט אַ ספר תורה פון דער שול. ווען ס׳איז געווען אַ ספר תורה, איז נישט געווען קיין בעל קורא. אָפטמאָל פאַרקערט.

איינמאָל אַ שבת זענען זיך צונויפגעקומען דריי בעלי קוראים איטשע בער, חיים משה פאליוואדאַ, אייזיק פשעכאצקי ז״ל. יעדער האָט געוואָלט לייענען. אויב נישט האָבן זיי געדראָט נישט צו קומען דעם צווייטן שבת. מאיר שערמאַן, וועלכער איז געווען גבאי, איז דורכגעקומען מיט די בעלי קוראים אַז יעדער לויט דער רייע זאָל קומען אַנ׳אַנדער שבת און עס וועט זיין צוגעגרייט אַ קידוש מיט שנאַפּס, לעקאַך און אייער־קיכלעך...

דאָס נישט באַזיצן אַ אייגן ספר תורה האָט אינספּירירט אַ טייל מיטגלידער וועלכע האָבן פאַרלאַנגט, און אַ דורכגעפירט, דעם פּראָיעקט אויף אַ אַלגעמיינער אסיפה צו שרייבן אַ ספר תורה. אין אַ זונענדיקן פרילינג־טאָג ווען דיביימער אין פעלדער האָבן זיך צעגרינט, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע צערעמאָניע, באַגלייט מיט פאַראַד, כלי זמר. מען האָט געטאַנצט אין די גאַסן, יונגע חברה האָבן אויף צאפּלדיקע פערדלעך אויסגעצירטע מיט בלומען קרענץ גאַלאָפּירט אין שטעטל מיט פייערווערק ביז אין שפּעטער נאַכט. אגב, דער רב איז געווען געגן דעם אַז דער האַנטווערקער פאַראיין זאָל שרייבן אַ ספר תורה. אָבער דאָך איז ער געקומען אַ קוש טאָן דעם ספר.

אליעזר גולדברג

אישים הזכורים לי

באולקוש כמו בכל עיירה קטנה בתקופה של לפני מלחמת העולם השנייה התבלטו בחיי הקהילה אישים שונים, שהיו משכמם ומעלה משאר התושבים ובין אם תפסו עמדות ציבוריות חשובות ובין אם לא, היו משפיעים על הציבור היהודי. יהודי המקום היו שואלים בעצתם ונוהגים לפיה.

מבין המעטים הזכורים לי מאותה תקופה אמנה אחדים.

מרדכי טלרמן

הוא היה סוחר חשוב, בעל בעמיו, בן־תרבות ומודרני. רבים היו באים לשאול בעצתו בעניני עסק ובענינים אחרים ומחשיבים מאוד את דעתו. נוסף לכך רחשו אליו אמון רב שכן היו מפקידים בידו בני "עמך" את הכסף שחסכו מעמל רב. הוא שימש לא פעם נאמן לכספים שונים.

למרות שהיה אמיד, לא פיזר כספים ונהג חסכון. עם זאת — נזכר אני — כשבאתי אליו כדי להתרימו לאחת הקרנות הלאומיות (קרן קיימת או קרן היסוד), תרם סכום הגון למטרה זו. ברוח זו חינך את ילדיו. אחד מבניו הוא רופא, אדם בן־תרבות.

מנדל קרנר

הוא היה ראש ועד הקהילה, מנבחרי "אגודת ישראל". היה קנאי מאוד לעניני הדת ורדף את ה"חופשיים" עד חורמה. היה פעיל מאוד בעניני הקהילה ודאג במסירות לצרכי הדת ולצביונה היהודי־חרדי של העיירה. היה מכובד מאוד ובן־תורה.

נזכר אני שפעם עמדו הציונים לארגן במקום הרצאה על הקרנות הלאומיות, בהשתתפותו של נציג מווארשה. לשם כך רצינו לקבל את בית המדרש המקומי. מנדל קרנר, שהתנגד לפעולה ציונית ובידו היה המפתח לבית המדרש, סירב לתת אותו לנו. רק לאחר התערבות מצדו של רב המקום, הסכים לפתוח את בית המדרש בפני האסיפה הציונית.

יוסף לנדר

אדם מסוג אחר היה יוסף לנדר. היה זה יהודי עשיר, בעל בית חרושת של סירי אמאיל, מכובד על הבריות אך לא מעורב עמהן. את ביתו ניהל ביד רמה, מסתגר מהקהל ולא קל היה לבוא במחיצתו. עם זאת היה ידוע כאישיות מרשימה.

זישא סנדזר

חתנו של הנ"ל. למרות היותו אדוק מאוד, בקי היה בלימודים חיצוניים. היה ציוני נלהב ומיום שעמד על דעתו שאף להגיע לארץ ישראל. את שאיפתו זו הגשים לבסוף ועלה ארצה. הוא מכר את כל רכושו ובהגיעו לא"י, ובאין אפשרות אחרת עבד בכל מיני עבודות. מהן קשות ומפרכות. היה גאה על כך שנמנה עם ראשוני אולקוש שעלו לא"י.

בשביל עולי אולקוש שימש כתובת בהגיעם ארצה. הוא היה מקבל את כולם בזרועות פתוחות וסייע להם ככל שהשיגה ידו; הגיש להם גם עזרה חומרית. כל אנשי אולקוש כיבדוהו מאוד. בסוף ימיו שימש כמנהל קופת עולי פולניה.

השאיר בן הנמצא גם הוא בארץ, עורך־דין, בן תרבות, מלא וגדוש ובת — שרה גוטליב — המתגוררת כעת בירושלים.

שלמה אונגר

יהודי בעל הליכות מודרניות, חבר מועצת העיריה. אדם נדיב־לב ואמיד שביתו היה פתוח לכל. מסר חדר מדירתו בשביל פעולות תנועת הנוער "גורדוניה" אותה החשיב מאוד כמחנכת הדור הצעיר לקראת הגשמת הרעיון הציוני. לילדיו נתן חינוך מודרני ונטע בלבם את האהבה והשאיפה לציון. ואכן כל בני משפחתו עלו ארצה. בנו האחד הוא ד"ר אונגר, ובנו השני — נחמיה — מסורים מאוד למורשת אביהם. כמוהם בתו העובדת במוסדות ציוניים.

הרב של אולקוש ובתו

הוא היה בר־אוריין ופיקח. הכרתי אותו רק שש שנים אך בכל מגע עמו היה מרשים מאוד את בני שיחו. בתו, לאה יוסטמן ז"ל, עזבה את פולניה ועלתה לארץ עוד בשנת 1932. היא היתה בעלת השכלה נרחבת, נבונה ומקבלת את כל עולי אולקוש באהבה ובחמימות ועוזרת להם בהרבה.

לפני פטירתה השאירה בשביל קופת גמילות חסדים של יוצאי אולקוש סכום נכבד כדי לחלקו בצורת הלוואות בין נצרכים מיוצאי אולקוש.



הרבי מחנצ'ין שהתגורר באולקוש



הרבי מחנצ'ין עם בנו וחסידיו

יוסף ליפשיץ

מיין געבורטס־שטאט אלקוש

(זכרונות פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה)

דאָס לעבן פון די יידן אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען שווער. יידן האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צום לערנען, וווינען אין גרויסע שטעט און זענען אויך פאַרטריבן געוואָרן פון די דערפער. מען האָט גאַנץ אָפט אָרגאַניזירט פּאָגראָמען אויף יידן — אין רוסלאַנד זעלבסט און אין רוסיש־אָקופּירטן פּוילן.

מיט דער אַנטשטייאונג פון זעלבשטענדיקן פּוילן דעם 11טן נאָוועמבער 1918 נאָך דער פינף־יעריקער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די לאַגע זיך נישט פאַר־בעסערט. דאָס נייע פּוילן האָט פאַרגעזעצט די צאַרישע אַנטי־יידישע מעטאָדן.

אונדזער שטעטל אָלקוש האָט זיך געפונען אונטער דער אָקופּאַציע פון רוסלאַנד.

די יאָרן 1918—1914

טראָץ דעם וואָס איך בין דאַן געווען זייער יונג (עס זענען שוין פאַריבער פון דאַן כמעט 60 יאָר), דערמאָנט זיך מיר אַז די רוסן האָבן, פאַרן פאַר־לאָזן אָלקוש, פאַרברענט זייערע דאָקומענטן אַז זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דעם אַריינקומענדיקן עסטרייכיש־אונגאַרישן מיליטער. אָלקוש איז געווען זייער נאָענט פון דער עסטרייכישער גרעניץ. ביז כזשאַנאָוו, וואָס האָט שוין געהערט צו עסטרייך, איז געווען נישט מער ווי אַן ערך פופצן קילאָמעטער.

דירעקטע מלחמה־אַקטן זענען ביי אונדז נישט פאָרגעקומען, אָבער שיסן האָט מען גאַנץ גוט געהערט ווייל אויפן וועג אָלקוש—וואָלפראָם, אַ שטרעקע פון 20 קילאָמעטער, האָבן זיך צונויפגעטראָפן די אָנקומענדיקע עסטרייכיש־אונגאַרישע זעלנער מיטן רוסישן מיליטער.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט אָנגעהויבן צו ברענגען צו אונדז די קרבנות פון די ערשטע מלחמה־צוזאַמענשטויסן. די שפּיטעלער ווי אויך די

ש׳לן זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די פאַרוווּנדעטע. שפּעטער האָט זיך דער פראָנט דערווייטערט אָבער די מלחמה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. עס האָבן אָנגעהויבן אַדורכמאַרשירן דורך אונדזער שטעטל דייטשע זעלנער.

איך דערמאָן זיך ווי די דייטשן האָבן דאַן דורכגעפירט די באַרימטע „גראָבע בערטע״ אַרמאַטן. מיר האָבן דעמאָלט געוווינט ביי שלמה הערש פוקסבראַנער, אין מאַרק, ביים אָנהויב פון דער וואַלבראַמער גאַס. די אַרמאַטן זענען געווען אַזוי גרויס און שווער אַז דער שאָסיי האָט זיך איינגעריסן. געגאַנגען זענען זיי פון דער סלאָווקאָווער גאַס דורכן מאַרק און ווייטער דורך דער וואַלבראַמער גאַס — אויפן פראָנט.

דאָס לעבן איז געווען זייער שווער פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. עס האָבן אויסגעפעלט לעבנס־מיטלען. עס איז נישט געווען מיט וואָס צו הייצן די הייזער און מיט וואָס צו באַלויכטן. די פויערן האָבן נישט צוגעפירט קיין פּראָדוקטן. ספּעציעל האָבן געליטן די נישט־פאַרמעגלעכע, ווייל אויב מ׳האָט שוין יאָ עפּעס געקריגן — איז דאָס געווען זייער טייער.

אַזוי זענען אַדורך די פינף מלחמה יאָרן 1914—1918, מיט פאַרשידענע פּלאָגן און צרות.

דאָס נייע פּוילן

נאָכדעם ווי עס איז אַנטשטאַנען דאָס נייע פּוילן, און ספּעציעל נאָך דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה, זענען אָנגעקומען נייע צייטן אָבער אויך נייע צרות.

דאָס איבערנעמען די הערשאַפט פון די פּאָלאַקן האָט זיך אָנגעהויבן מיטן איינאָרדענען פון פאַרשידענע אַמטן. עס האָט זיך אויך באַלד אָנגעהויבן די מאָביליזאַציע פון דער יוגנט. די ערשטע „העלדישקייטן״ וואָס די פּוילישע יוגנט האָט אָנגעהויבן צו באַווייזן זענען געווען די כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף יידן. יעדעס מאָל וואָס אַ גרופּע שטאָט אָדער דאָרפס־רעקרוטן זענען געקומען אין שטאָט צושטעלן זיך צו דער מיליטער־קאָמיסיע, איז זייער ערשטע „העלדישקייט״ געווען אָנפאַלן אויף די יידישע מאַרק־קראָמען, יאַטקעס, געוועלבלעך אין יידישע היימען. איבערהויפּט האָבן זיך די אַנטי־יידישע כוליגאַנישע אַרויסטרעטן פאַרשטאַרקט ביי דער פּוילישער באָלשעוויסטישער מלחמה. מיטן אָנקומען פון גענעראַל האַלערס מיליטער און אויך פון די אַזוי טרויעריק־באַרימטע „פּאָזנאַנטשיקעס״ זענען די אַנטי־יידישע אָנפאַלן נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. עס איז אמת אַז די אָלקושער יידן זענען נישט אַלע מאָל געבליבן קיין שולדיקע, אָבער קיין געווינענע זענען זיי נישט געווען. מיט יעדן טאָג האָבן זיך די אָנפאַלן פאַרשטאַרקט און ס׳איז נישט

געווען מעגלעך זיך צו באַווייזן אין גאַס, און איבערהויפּט אויסער דער שטאָט. דעמאָלט איז מען געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן. איבערהויפּט איז געווען אַ טראַגעדיע פֿאַר די יידן וואָס האָבן געטראָגן בערד. עס דערמאָנט זיך מיר אַ בילד: איך גלויב אַז אונדזערע לאַנדסלייט דערמאָנען זיך נאָך אַז ביי אונדז אין אָלקוש איז געווען אַ לערער וועלכן מען האָט גערופֿן: לאזע לערער (אימערגליק) און אַזוי ווי פֿון זיין לערערשאַפֿט איז נישט געווען קיין פּרנסה האָט ער פֿאַר יעדן שבת און יום־טוב צוגעהאַנדלט מיט פֿיש. און כדי צו ברענגען די פֿיש פֿלעגט ער אַליין פֿאָרן אויפֿן דאָרף. איינמאָל נאָך אַזאַ „רייזע" אויפֿן דאָרף קויפֿן פֿיש איז ער באַפֿאַלן געוואָרן דורך פּוילישע כוליגאַנעס וועלכע האָבן אים מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן די באָרד מיט אַ שטיק פּנים. איך זע אים נאָך יעצט מיטן פֿאַרבונדענעם פּנים.

מ'שנייט בערד

די ווילדקייט איז געווען אַזוי שטאַרק ביי די פּאָגראָמשטשיקעס, אַז זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין צייט צו באַמערקן און נישט געוואָלט גלויבן אַז עס קאָן אויך זיין אַ קריסט וואָס טראָגט אַ באָרד. אין אָלקוש אין דער סטאַק־גאַס האָט געוווינט אַן'עלטערער קריסט וואָס האָט געטראָגן אַ גרויסע ווייסע באָרד. ביי אַ צופֿאַל האָבן אים די כוליגאַנעס באַמערקט אין גאַס און האָבן אָפּגעשניטן אויך זיין באָרד. זיין פֿאַרזיכערן אַז ער איז אַ גלויביקער קריסט האָט ביי זיי נישט געהאָלפֿן.

די כוליגאַנישע אַרויסטריטן זענען געוואָרן אַ טאָג טעגלעך געשעעניש. די פּאָליציי אַליין איז שוין נישט געווען בכוח צו באַהערשן די לאַגע. אפֿילו אַז זיי האָבן שוין געוואָלט אויף אַן אמת אָפּשטעלן די פּאָגראָמען. איינמאָל ביי אַזאַ אָנפֿאַל אויף דעם יידישן יאַטקע־געסל איז געווען אַ גרויס געשלעג. אונדזערע יידישע קצבים האָבן זיך אַנטקעגן געשטעלט די אָנפֿאַלער און עס איז געוואָרן אַ מהומה אין שטאָט. עס איז געוואָרן אַרויסגעשיקט שוין נישט פּאָליציי נאָר מיליטער. צווישן די יידן איז דעמאָלט געווען אַ קלאַנג אַז דער אָפֿיציר וואָס האָט אָנגעפֿירט מיטן מיליטער קעגן די רעקרוטן־כוליגאַנעס איז געווען אַ קראַקאָווער יידישער בחור. עס איז געווען אַ גרונט צו גלויבן אַז דער אָפֿיציר איז געווען אַ ייד ווייל ער האָט זיך זייער שטאַרק אַנטקעגן געשטעלט די אָנפֿאַלער.

„פּאַסטעמפּ" און „מוזע"

אָבער טראָץ דער מלחמה און די שווערע באַדינגונגען, האָט זיך אָנגעהויבן איינצושטעלן אַ געזעלשאַפֿטלעך און קולטורעל יידיש לעבן ביי אונדז אין אָלקוש.

טראָץ די שטערונגען פון אונדזער רעליגיעזער יידישער זייט האָט אונדזער שטאָט זייער שנעל אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ ניי געזעלשאַפטלעך קולטורעל לעבן.

צו יענער צייט איז שוין געווען אַ זייער שיינע יידישע ביבליאָטעק א. נ. „פּאָסטעמפּ". צוליב דעם וואָס עס האָבן זיך אָנגעהויבן געוויסע אַרומרייסענישן צווישן די יידיש־רעדנדיקע ברייטע פאָלקס־מאַסן און די אַסימילירטע יידן, האָבן זיך אָנגעהויבן סקאַנדאַלן. מען האָט אויך געקאָנט הערן אויסדרוקן פון געוויסע "אַסימילירטע" מיטגלידער (מאַדאַם טשאַרניעצקי) צו די יידיש־רעדנדיקע מיט־גלידער ווי "טשעמנאַ־מאַסאַ" (פינצטערע מאַסן).

די רייסערייען אין דער געזעלשאַפט "פּאָסטעמפּ" האָבן זיך צוליב דער וואָס מער אַקטיווער באַטייליקונג פון די יידיש־רעדנדיקע מאַסן מער פאַרשאַרפט ביז עס איז געקומען אין אַ געוויסן טאָג אין די צוואַנציקער יאָרן און עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אמת פאָלקס־יידישע געזעלשאַפט. די נייע קולטורעלע געזעלשאַפט האָט געהייסן "מוזע". צווישן אַ סאַך אַנדערע נעמען פון די הויפּט־גרינדער איז ווערט אויסצורעכענען: מ. ראָזענפעלד, ש. שטארק, ל. בלומענפעלד און אַ סאַך אַנדערע.

די געזעלשאַפט "מוזע" האָט זיך זייער שנעל אַנטוויקלט און האָט געהאַט אַ זייער שטאַרקן דערפאָלג ביי די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן פון אַלע ריכטונגען. אין דער "מוזע" איז נישט בלויז געווען אַ זייער גוטע ביבליאָטעק. ס'איז אויך געווען טעטיק אַ שטאַרק אַקטיווע דראַמאַטישע טרופּע. עס זענען אָפט פאָרגעקומען רעפע־ראַטן אויף פאַרשידענע ליטעראַרישע טעמעס. דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען אין אַן אייגענעם לאָקאַל און אויך אין פּאָפּולערע שטאָט זאַלן.

די דראַמאַטישע סעקציע האָט זייער אָפט געשטעלט זייער גוטע יידישע ווי אויך איבערגעזעצטע טעאַטער־פּיעסן. איך וויל אויסרעכענען עטלעכע נעמען פון די אָלקושער אַקטיווע מיטבאַטייליקטע אין טעאַטער שפּילן און אין אַלגעמיינעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. פון די פרויען: די שוועסטער און ברודער גראַיער, ג. פוקסבראַנער, די שוועסטער גראָסמאַן און אַ סאַך אַנדערע. פון די מענער: אלי ראָזענבוים, י. ל. פריליך, משה וואלד, יהושע בירענבאום, ה. ערלעך און אַ סך אַנדערע. זיי אַלע זענען ווערט אַז מיר זאָלן זיי פאַראייביקן פאַר זייער אַזוי אַקטיוון אָנטייל אין דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פאַרן אָלקושער יידישן יישוב.

געזעלשאַפטלעך לעבן

אין די פריע צוואַנציקער יאָרן האָבן אויך שוין אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון די קלענערע שטעט און ספּעציעל די יידישע אַרבעטער ביי די אַזוי גערופענע יידישע פאַכן ווי: שניידער, מענער און דאַמען, טריקאָטאַזש, לעדער,

האָלץ און אַנדערע פֿאַכן. עס דאַרף אויך אונטערגעשטראָכן ווערן אַז די האַנט־ווערקער (יידישע) זענען גוט אָרגאַניזירט געוואָרן. שפּעטער האָבן די יידישע האַנטווערקער אויך שוין געהאַט עטלעכע פֿאָרשטייער אין אָלקושער שטאָט־ראַט. צווישן זייערע פֿאָרשטייער זענען געווען זייער אַקטיוו: אברהם גליקשטיין, משה־שמואל שוואַרצבערג, אדאם בלום און נאָך אַנדערע. דער מער רעליגיעזער טייל יידן איז אויך געווען פֿאַרטרעטן אַזוי גוט ווי אין דער יידישער געמיינדע און אויך אין שטאָט־ראַט. איינער פֿון זייערע פֿאָרשטייער וואָס איז גלייכצייטיק געווען אין דער קהילה און אין שטאָט־ראַט איז געווען מענדל קערנער. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה איז אַנטשטאַנען אויך אַ "השומר־הצעיר".

ביי אונדז איז צווישן אַ סך רעליגיעזע אַנטשטאַלטן געווען זייער אַ שיינע שול. אַלע מאָל ליכטיק, ריין און מאַיעסטעטיש שטיל. איבערהויפּט איז געווען אַ נחת אַריינצוקומען אין דער שול ווען דער חזן יצחק לייכטנער האָט געדאַוונט מיט זיין פּרעכטיקן כאָר. עס איז ווערט אונטערצושטרייכן אַז אַ סך פֿון די טעאַטער־אַמאַטאָרן וואָס האָבן זייער גוט געשפּילט האָבן אויך געזונגען אין שול ביים חזן: אל. ראָזענ־באום, ישעיה בירענבאום, י. ל. פֿריילִיך, שלמה גראוועֶר, ש. פֿרידמאַן און אַנדערע.

עס האָט זיך אויך געפֿונען ביי אונדז אין שטאָט אַ זייער גוט פּאָפּולערער ספּאָרט־קלוב "מכבי" מיט אַ זייער שיינעם אויסגעשטאטן גרויסן זאַל פֿאַר פֿיזישע איבונגען.

דאס שולוועזן

אין אָלקוש איז געווען אַ מלוכה גימנאַזיום, אַ מיידל ליצעאום און אויך אַ מלוכה'שע האַנטווערקער שולע. עס איז אמת אַז קיין סך יידישע שילער זענען טאַקע אין די אַלע מלוכה מיטל־שולן נישט געווען ווייל די גרעסטע טייל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג איז נישט געווען מאַטעריעל בכוח צו שיקן זייערע קינדער אין אַ מיטל שולע. אַ סך קינדער פֿון אַרבעטער און קליינהענדלער האָבן אפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו גיין אין די אַזוי־גערופֿענע "פּאָווסעכנע" שולע.

אַ סך קינדער פֿון אַרבעטער און קליינהענדלער זענען שוין צו עלף־צוועלף יאָר געגאַנגען אַרבעטן כדי צוהעלפֿן די עלטערן צו פֿאַרדינען אויף פּרנסה.

דער פּראָפֿעסיאָנעלער נאָדל־פֿאַריין

אין די פֿריע צוואַנציקער יאָרן האָבן מיר, נאָדל־אַרבעטער, מיט זייער גרויסע אָנשטרענגונגען געשאַפֿן אַ לעגאַלן, אָנגעשלאָסענעם אין דער וואַרשעווער צענ־טראַלע פּראָפֿעסיאָנעלן נאָדל־פֿאַריין. צווישן די ערשטע גרינדער זענען געווען: משה וואַלד, חיים בערקאָוויטש, קאלמע גוזי און אַ סך אַנדערע אָלקושער נאָדל־

אַרבעטער. צום גרינדן דעם פאַריין האָט אונדז צוגעהאָלפן דער נאָדל־פאַריין פון סאָסנאָווצע.

אונדזער לאָקאַל האָט זיך געפונען אויף אַ זייטיקן בערגיקן פּלאַץ אין אַ געננג אָרעמער האָלצענער הייזקע. דאָס איז געווען אויפן וועג צו דער באַן־סטאַציע צווישן ראָזענבלומס און יוסף קרוקס הייזער. דער לאָקאַל ביי יענע מאַטעריעלע און פּאָליטישע באַדינגונגען איז געווען צו דערליידן. עס איז דאָרט געווען אַ קליינע פּאָרשטוב און אַ געננג גרויסער ליכטיקער לאָקאַל. מיר האָבן צוביסלעך אויך אַריינ־געשטעלט טישן מיט בענק און נאָך אַזעלכע קלייניקייטן. און די אַלע אויסגאַבן זענען געזאַמלט געוואָרן ביי אונדזערע אַרבעטער און אַרבעטערינס, טראָץ זייער נישט געננג מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. דאָס אַלעס איז געווען מעגלעך צו שאַפן ווייל אונדזערע אַלע מיטגלידער זענען געווען זייער אַקטיוו און אַלעמאָל גרייט צו יעדער אַרבעט כדי אונדזער פאַריין זאָל קאָנען עקזיסטירן.

אונדזער אָלקושער נאָדל־פאַריין האָט איבערהויפּט נישט געהאַט קיין לייכטן וועג. עס איז אונדז אויסגעקומען אויסצושטיין שטאַרקע רדיפות פון אַלע זייטן. אַזוי גוט פון דער פּוילישער זייט ווי אויך פון דער רעליגיעזער יידישער זייט. די רדיפות פון דער פּאָליצייאישער מאַכט — דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל.

אונדזער פאַריין האָט נישט בלויז געפירט אַ פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט נאָר אויך אַ געזעלשאַפטלעך קולטורעלע טעטיקייט.

ש. וויגאדסקי רעפערירט

מיר האָבן אָפט אַראָפּגעבראַכט רעפערענטן פון פאַרשידענע גרעסערע פּוילישע שטעט און אויך פון ווארשע. מיר האָבן אויך איינגעאָרדנט רעפעראַטן אין דער פּוילישער שפּראַך. מיר האָבן אויך איינגעאָרדנט אַ רעפעראַט פון דעם דעמאָלט יונגן פּאָפּולערן פּאָעט ש. וויגאָדסקי פון בענדין. דער זעלבער היינט צו טאָג פּאָפּולערער יידיש־פּוילישער שרייבער האָט זיך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק באַזעצט אין ישראל. פאַרן באַזעצן זיך אין ישראל איז ער געווען אין פאַריז. ער איז דאָ אויך אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט.

איך האָב גערעדט מיט אים און אויך דערמאָנט זיין אַרויסטריט אין אָלקוש און אויך די טעמע פון זיין דעמאָלטדיקן רעפעראַט: "די פּוילישע יונגע פּאָעזיע". צו דעם רעפעראַט איז געקומען אַ גרויסער עולם און אויך פּוילישע שילער פון די העכערע גימנאַזיום־קלאַסן.

מיר זענען געווען צוגעוווינט אַז עס זאָלן צו אונדז קומען אין פאַריין־לאָקאַל מונדירטע און ציוויל געקליידעטע פּאָליציי, נאָר דאָס מאָל האָבן זיי זיך דערלויבט צום ערשטן מאָל אויף אַזעלכעס וואָס זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט דערלויבט. מיט

איין מאָל האָבן זיי אָנגעהויבן צו לעגיטימירן די פּוילישע שילערס, און זיי באַפוילן צו פֿאַרלאָזן דעם לאָקאַל. זיי האָבן אויסגעפונען אַז דער רעפעראַט איז נישט פּאַסיק פֿאַר זיי.

פארפאָלגונגען פון פּאָליציי

אונדזער נאָדל־פאַריין האָט געהאַט אויסצושטיין גרויסע שיקאַנעס פון דער פּאָליציי־מאַכט. זיי זענען געווען זייער אָפטע געסט ביי אונדז אין לאָקאַל. און אויב זיי זענען נישט געקומען אין לאָקאַל האָבן זיי אין געהיים אָבסערווירט אַרום אונדזער לאָקאַל ווער עס קומט צו אונדז.

אַבער מיר האָבן זיך אויף גאָרנישט אָפּגעשטעלט און געפירט אונדזער לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט. מיר האָבן איינגעאָרדנט פֿאַרשידענע פֿאַך־פֿאַרזאַמלונגען און אויך געפייערט די אַרבעטער יום־טובים ביי אונדז אין לאָקאַל.

איינמאָל ביי אַ פייערונג אין אַן ערשטן מאַי יום־טוב איז פון די ערשטע געסט געווען אַ ציוויל אינספעקטאָר. די פּאָליציי־לייט זענען נישט געווען קיין נישט באַקאַנטע געסט ביי אונדז. מיר אַלע האָבן זיי זייער גוט געקענט.

עס איז אינטערעסאַנט אַז אונדזערע מיידלעך זענען געווען גענוג דרייסט מיט די אַלע פּאָליציי־אינספעקטאָרן. ווי עס פירט זיך ביי אַרבעטער יום־טובים האָבן זיי געהאַט די מיסיע יעדן אַריינקומענדיקן גאַסט אין לאָקאַל באַשאַנקען מיט אַ רויט בלימל. און אויך ביי זיין אַריינקומען האָבן אים אונדזערע מיידלעך באַשאַנקען מיט אַ רויט בלימל. ער האָט זיך אויפגעפירט דזשענטעלמענעריש און אויך אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר גראָשן.

עס איז ווערט אויסצורעכענען עטלעכע פון די דעמאָלסטדיקע מיידלעך. דאָס זענען געווען: שרה אליווא, אסתר גראָסמאַן, מ. לעווקאָוויטש און אַ סך אַנדערע.

די רדיפות קעגן אונדזערע פאַריינס מיטגלידער און אונדזערע חברים פון אַנדערע פאַכן און סתם פּראָגרעסיווע בירגער זענען געוואָרן אַ טאָג טעגלעך געשעעניש. איך דערמאָן זיך אַ פאַקט: איינמאָל פאַרן שטיין צו דער מיליטער־קאָמיסיע האָבן זיך אַ סך יידישע רעקרוטן צונויפגענומען אין בית־המדרש און זיך געוויילט. מיט איינמאָל האָב איך באַמערקט ווי איינער אָן אַ היטל קוקט אַריין דורכן פענסטער. אַז ער האָט געזען אַז מען קוקט, איז ער אַנטלאָפן. ווען מ׳איז אַרויסגעגאַנגען האָט מען געזען אַז דאָס איז דער פּאָליציי קאָמענדאַנט. ער איז זיכער געווען אַז מיר ווילן מאַכן די רעוואָלוציע אין בית־מדרש.

עס זענען אויך זייער אָפט פאָרגעקומען שטובן־רעוויזיעס ביי אונדזערע עלטערן. ביי יעדן אַרבעטער יום־טוב זענען אונדזערע פאַריינס־מיטגלידער און אויך

אַנדערע אַרבעטער געוואָרן אַרעסטירט און געהאַלטן צו עטלעכע טעג אויף דער פּאָליציי. אונדזערע עלטערן האָבן צוליב דעם אַלעם זייער שטאַרק געליטן.

"דאָ פּאַלעסטיני"

אָבער טראָץ די אַלע פֿאַרפֿאָלגונגען האָבן מיר פֿאָרטגעזעצט אונדזער אַרבייט. די פּאָליציי־לייט פֿלעגן זיך ווענדן צו אונדז מיט אַזעלכע ווערטער: "דאָ פּאַלעסטיני אַלבאָ דאָ מאָסקווי" (קיין ארץ ישראל אָדער קיין מאָסקווע).

עס דערמאָנט זיך מיר דער פֿאָלגנדער פֿאַקט:

ביי אונדז אין הויף האָט געוווינט דער קאָמענדאַנט פֿון פּאָליציי־פּאָסטן. מיר, דאָס הייסט מיין מוטער און מיינע שוועסטער און בכלל אַלע יידישע שכנים, זענען געווען גאַנץ גוט באַפֿריינדעט מיט די פּאָליאַקן. איינמאָל, דאָס איז געווען דער ערשטער מאַי, איז דער אַרבייטער יום־טוב אויסגעפֿאַלן פּסח. ביים ערשטן סדר זיצן מיר זיך אַזוי און עסן אונדזער מאָלצייט. פּלוצלונג קלאַפּט מען אין טיר און עס באַווייזט זיך דער קאָמענדאַנט. ער באַפֿוילט מיר תיכף נאָכן עסן קומען אויפֿן פּאָליציי־פּאָסטן. דאָרטן האָב איך שוין געטראָפֿן אַ סך פֿאַראַרעסטירטע חברים.

די פֿאַרפֿאָלגונגען האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט און צום סוף האָט מען פֿאַרשלאָסן אונדזער פֿאַריין. ווען מיר פֿלעגן פֿייערן דעם אַרבייטער יום־טוב פֿלעגט מען פּרווון אַרויסרייסן פֿון אונדז דעם פֿאָן. איינמאָל — דערמאָן איך זיך — האָב איך געטראָגן דעם פֿאָן. מען איז אויף מיר אָנגעפֿאַלן און געוואָלט זי אַרויסרייסן. מיר צוהילף איז דעמאָלט געקומען אַן אָלקושער יידישער שטובן־מאַלער (גערופֿן האָט מען אים זעליג). איך בין געלאָפֿן מיט דער פֿאָן אין דער ריכטונג פֿון דער סלאָווקאָווער גאַס און זעליג איז מיר נאָכגעלאָפֿן צו באַשיצן און פֿאַרהיטן פֿאַר דעם אָנפֿאַלער. מיר זענען אַזוי געלאָפֿן ביז מיר זענען אַרויס אויף די פּלאַנטעס און דעמאָלט זענען מיר געווען פֿריי...

"אַ רויטע פֿאָן מיט יידישע אותיות"

א טייל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג האָט זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו אונדזער טעטיקייט ווי אויך צו אונדזער איבערגעגעבנקייט צו דער רויטער פֿאָן. איך דערמאָן זיך אַז איינער פֿון די דעמאָלסט אָנגעזעענע רעליגיעזע פֿירער (מענדל קערנער) האָט זיך אויסגעדריקט: "איך האָב קיינמאָל מיר נישט געקענט פֿאָרשטעלן אַז איך וועל דערלעבן צו זען אויף די אָלקושער גאַסן אַ רויטע פֿאָן מיט יידישע אותיות".

שפּעטער נאָכן פֿאַרמאַכן דעם פֿאַריין האָב איך געאַרבעט אין קאַטאָוויץ. קומענדיק אויף יום־טוב (פּסח) צו פֿאָרן אַהיים קיין אָלקוש, אַראָפּגייענדיק פֿון דער באַן

בין איך געוואָרן אַרומגערינגלט פון דער ציוויל פּאָליציי און אַריינגעפירט אין אַ צימער אויף דער סטאַציע. נאָך גוט אַז מיין שוועסטער האָט מיך אָפּגעוואַרט. האָט זי מיר צוגעהאָלפן צו קוקן די פּאָליציי אויף די הענט. זיי זענען פּעאיק געווען מיר אונטערצוּוואַרפן בחינם׳דיקע אומלעגאַלע ״זאַכן״ און אויף אַזאַ אופן וואָלט איך פאַרזיכערט געווען מיט צוויי דריי יאָר קעסט. מיין יינגסטע שוועסטער איז געווען דרייסט צו זיי און קיינמאָל נישט געשראָקן זיך פאַר זיי. זי האָט מיך נישט איינמאָל אָפּגעראַטעוועט פון אונטערוואַרפן אומלעגאַלע ליטעראַטור. ביי יעדן מאָל ווי פּאָליציי איז געקומען מאַכן צו אונדז אַ רעוויזיע האָט זי זיי קיינמאָל נישט געלאָזט אַליין נישטערן נאָר אַלעס אַליין זיי געגעבן אין האַנט אַריין. אַז עס איז געקומען און זיי האָבן געוואָלט זוכן אין די טאַשן, האָט זי גענומען די טאַשן און פאַרדרייט און זיי געוויזן וואָס עס געפינט זיך דאָרט. נאָכן אַדורכזוכן מיין וואַליזע און אויך מיך פערזענלעך זענען מיר אַהיים געגאַנגען. שפּעטער בין איך געוויר געוואָרן אַז די גאַנצע צייט ווען איך האָב געאַרבעט אין קאַטאָוויץ האָט מען מיר נאָכשפּיאָנירט. זיי האָבן אויך נאָך מיין אַהיים פאָרן געמאַכט אַ רעוויזיע אויפן פּלאַץ ווו איך האָב געאַרבעט און געוווינט.

מען פאַרטיידיקט זיך קעגן אָנפאלן

אין אָלקוש האָבן זיך געפונען אַסך פּוילישע ענדעקעס און בכלל יידן־העצער וועלכע פלעגן נישט אַדורכלאָזן קיין געלעגנהייט אויף צו העצן קעגן יידן. איך דערמאָן זיך אַ זומער ווען די דאָזיקע קרייזן האָבן צוגעגרייט אַ פּאָגראָם אויף יידן אין די שפּעטערע זומער־טעג, בשעת עס זענען געקומען קיין אָלקוש רייכע פּוילישע סטודענטן־זינלעך אויף צו פאַרברענגען זייער וואַקאַציע. איך דערמאָן זיך נישט ווי אַזוי אָבער מיר האָבן געוווסט אַז עס גרייטן זיך אָנפאַלן, און ספּעציעל אויף די יידישע געוועלבער וואָס האָבן זיך געפינען אויפן מאַרק. דאָסמאָל איז נישט בלויז די יידישע יוגנט געווען צוגעגרייט נישט צו דערלאָזן אַ אַנטי־יידישן אַרויסטריט נאָר אויך אַטייל פון דער פּוילישער יוגנט. בלויז אַטייל.

דער אָנפאַל האָט זיך אָנגעהויבן אין אָוונט. מיר זענען אַלע דערשינען מיט עפּעס אין דער האַנט אין דער ריכטונג פון דער קראַקאָווער גאַס ביז פאַנקאָווסקיס הויז. דאָרט האָבן זיך געפונען אַממייסטן יידישע געשעפטן.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ געשלעג צווישן די כוליגאַנעס און די יידישע יוגנט וואָס האָט פאַרטיידיקט די יידישע געוועלבער.

אַ געוויסע צייט האָט מען נישט געזען קיין שום פּאָליציי. מיט אַמאָל איז אָנגעקומען אַ פּאָליציאַנט פון דער וואַלבראַמער גאַס, אויף וועלכער עס האָט זיך

געפונען דער פּאָליציי־פּאָסטן. עס האָבן זיך געהערט פּראָטעסטן קעגן דעם וואָס ער איז נישט געווען ביים אָנפּאַלן און האָט נישט געשטערט די כוליגאַנעס.

איינער פון אונדזערע חברים (דאָס איז געווען אויצער) איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דעם פּאָליציאַנט טראָץ אונדזערע פּראָטעסטן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט אים דאָך באַפרייט.

✶

אין 1932—1931, נאָך די זומער וואַקאַציעס, האָב איך פאַרלאָזט אָלקוש און זיך באַזעצט אין סאָסנאָוויעץ. געאַרבייט האָב איך אין קאַטאָוויץ.

מיר האָבן באַשלאָסן באַלד צו רעאַגירן. מיין פרוי האָט געבעטן אַ זעאונג פאַר מיר ביי דער שוועסטער אַנעס. אין אַ קילן האַרבסטיקן אָוונט, באַגלייט מיט אַ רעגן, האָב איך זיך דורך פאַרשידענע אינטערוועגן, (די גלייכע וועגן זענען געווען באַוואַכט פון די דייטשן), צוגעשטעלט אין דער קאַפּליצע פון קלישי סו בוא, ווו כ׳האָב באַגעגנט די שוועסטער אַנעס און צוויי באַגלייטערינס, וועלכע האָבן קניענדיק זיך געצלמט און געמורמלט זייערע תפילות. אונזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, זייער העפליך זיך באַגריסט, און איך האָב זיך געהאַלטן רואיק ווי ווייט מעגליך און נישט געוואָלט אַרויסווייזן מיין צאָרן. און געזאָגט האָב איך: "שוועסטער אַנעס, איר פאַרשטייט זיכער וועגן וואָס איך בין געקומען אייך צו זען. כ׳וויל אייך פרעגן, אויב ס׳איז אמת אַז איר ווילט אַ דורכפירן אַ שמד צערעמאָניע מיט מיין מירעי, נישט פרעגנדיק איר פאָטער".

זי האָט מיר געענטפערט אין אַ קינסטליכער ראַפינירטער שפּראַך, מיט

פראַנצויזישן עספרי, געפלאָכטן מיט יעזואיטישע צביעותדיקע געדאַנקען. זי האָט אויסגערעכנט מירעיס מעלות, אַז מירעי איז זייער צופרידן, ס׳געפעלט איר, מירעי וועט האָבן פאַרגעניגן פון דעם ספעקטאַקל א.א.וו. אָבער איך האָב איר געענטפערט און געזאָגט אַז אירע אַרגומענטן קענען מיר נישט איבערצייגן און זאָגן מיר גאָרנישט. ״הגם איך פּראַקטיציר נישט מיין רעליגיע — האָב איך צוגעגעבן — וועל איך נישט ערלויבן מיין קינד צו שמדן. אָבער וואָס עס וווּנדערט מיר זייער, איז דאָס וואָס איר ווילט אויסנוצן אונזער פיינליכע לאַגע. מיר האָבן אייך אָנגעטרויט אונזערע קינדער, ווייל מיר האָבן ווירקליך געהאַט דעם פולן צוטרוי אַז איר וועט זיי אויסהיטן ביזן סוף פון דער מלחמה. כ׳מיין אַז אין אַזאַ עת צרה אין וועלכער מיר געפינען זיך, איז אייער פליכט געווען אַלץ ערליכע קריסטין, וואָס גלויבט אין גאָט, צו געבן הילף די נויטבאַדערפטיקע... שוועסטער, כ׳האָב צו אייך נישט קיין טענה, כ׳וועל נעמען מיין מירעי צו מיר. נאָר אויב ס׳וועט עטוואָס געשען מיט מיין קינד, וועט דאָס זיין אייער שולד. אפשר שפּעטער וועט איר האָבן חרטה. זייט נישט אין כעס אויף מיר. פאַרן פאַרלאָזן אייער הויז וויל איך בעטן אַ אוידיענץ ביים גלח״.

זי ציט זיך צוריק

אין מאָמענט ווען כ׳האָב אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט ״גלח״ האָט זי זיך כסדר געצלמט. איר פּנים איז געוואָרן רויט און ווייס. דער האַרציקער שמייכל האָט זיך ביי איר געטוישט, טרערן האָבן באַנעצט אירע אויגן און זי האָט שטיל געמורמלט: ״נישט נויטיק, נישט נויטיק, מסיע בלומענפעלד״. זי האָט דאָס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, האַלטנדיק דעם צלם מיט קרעלן אין אירע הענט. ״כ׳האָב נישט געוווּסט — האָט זי געזאָגט — אַז דאָס וועט ביי אייך אַרויסרופן אַזאַ ווידערשטאַנד. אייב איר ווילט נישט, וועט אייך קיינער נישט צווינגען, און מירעי וועט פאַרבלייבן ביי אונז אין הויז. מיר וועלן מער נישט דערמאָנען אונזער דיספּוט וועלכן איך באַדויער זייער״.

נאָך דער פאַרזיכערונג איז מיר לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ. פאַרשטענדליך, אַז מירעי איז דאָרט פאַרבליבן און מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אַ ״ארעוואַר״ (אויף ווידערזען).

אָבער מיט דעם איז נאָך נישט געווען אַלץ ערלעדיקט. מיר האָבן זיך גענויטיקט אין נייע דאָקומענטן, נישט יידישע. אונזער פריינדין אליז מענוקין, וועלכע איז געווען סעקרעטאַרין פון אַ גרופּע ווידערשטענדלער מיטן גלח פון שטעטל קובראַן בראש האָט מיר פאָרגעשטעלט פאַר אים אין וואַלד פון קלישי סו בוא, ווו ער האָט מיר באַגעגנט מיט אַ העפליכן ״באָנזשור (גוטמאָרגן), מיין זון״. ״באָנזשור, פּאָטער״,

האָב איך אים געענטפערט. געווען איז ער נידריקער פון מיטלוווּקס און גערעדט מיט אַקאָרסיקאַנער אַקצענט, מיט אַ שטאַרקן "ר" אַז עס איז געווען שווער צו פאַרשטיין אַוואָרט.

מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף אַ בערגל צווישן די בוימער. נאָך אַקורצן געשפרעך האָבן מיר באַשטימט זיך טרעפן אין דער גמינע פון קובראַן, ווו דער בירגערמייסטער האָט אויסגעשריבן פינף קאַרטן פאַר מענטשן געבוירן אין קאָרסיקע, אין דער שטאָט פיאַנאַ...

דער פראגרעסיווער גלח בארואיקט

ביים געזעגנען זיך האָט מיר דער גלח געזאָגט: "מיין זון, אויב דו וועסט זיך נויטיקן אין עפּעס, קום צו מיר אין קלישי סו בוא, ווו איך אַמטיר פון דאָנערשטיק ביז זונטיק". דאָס וואָרט "קלישי" האָט מיך אינטריגירט און איך האָב אים דערציילט אַז מיינע צוויי קינדער געפינען זיך אין קלישי סו בוא אין קינדער־הויז ביי דער שוועסטער אַנעס, און אַז איך האָב מיט איר אַ שטאַרקן ויכוח ווייל איך בין נישט מסכים אַז מיין טאָכטער זאָל זיך שמדן. אויף זיין ערנסטן פּנים האָט זיך באַוויזן אַלייכטער שמייכל און ער האָט מיט סאַרקאַזם געזאָגט: "ליידער האָט די שוועסטער אַנעס צו פיל אַמביציע. פאַר איר איז עס כדאַי צו דינען גאָט ווייל זי איז זיכער מיטן גן־עדן. מיר זאָגט זי צו דעם גיהנום ווייל זי האַלט מיך פאַר אַ קאָמוניסט צוליב מיין פּראָגרעסיווער שטעלונג צו געוויסע פּראָבלעמען".

און ער האָט מיר דערציילט אַז די אַלע שטרייטן האָבן געשטערט דעם שלום צווישן אים און דער שוועסטער אַנעס און — דער עיקר — זי האָט קיין רעכט פאַרצולעגן עטוואָס וואָס איז נישט אין איר קאָמפּעטענץ.

ער האָט מיר געוויזן אַ פּאַפּירל וואָס ער האָט קאָפּירט מיט אַטאָג פריער, הערנדיק ראַדיאָ לאָנדאָן וועלכער האָט איבערגעגעבן אַ ווענדונג פון קאַרדינאַל געליער אין ליאָן אַז די יידישע קינדער וועלכע געפינען זיך אין קריסטלעכע אַנשטאַלטן זאָלן ווערן גוט באַהאַנדלט און אַז מען זאָל נישט וואַגן צו ערוועקן די פראַגע פון שמדן.

געפונען א פלאץ צום שלאפן

מיט דעם האָט זיך געענדיקט אונזער אינטערעסאַנטער געשפּרעך. זייענדיק באַרואיקט אַז די קינדער זענען אין זיכערע הענט, האָבן מיר גענומען זוכן פאַר אונז אַ באַהעלטעניש. דער פאָטער פון דער פרוי, ביי וועלכער מיר זענען געווען צייטווייליק, האָט געפונען אַ פערלאָזטע כאַטע אין אַלנעי סו בוא און זי געדונגען אויף זיין נאָמען — מיט אַ גאָרטן, פרוכטן און אַ אויסגעטרוקנטן ברונעם. ווי

אַזוי די כאַטע האָט אויסגעזען איז שווער צו באַשרייבן. דער עיקר אַז מיר האָבן באַקומען אַ דאַך מיט פיר ווענט. ווען עס האָט גערעגנט, איז אין שטוב געפלאָסן וואַסער. מיר האָבן ערגיץ־ווו געקריגן אַ פאַרזשאַווערטן פיר־פיסיקן אייזערנעם אויוון וואָס האָט זיך זייער גוט צוגעפּאַסט צו דער כאַטע. מיר האָבן זיך איינ־געאָרדנט, אין אַ שכן וואָס האָט געהאַט אַ קלייטל האָט מיר באַלד דערלאַנגט אַ ברייטן "באַנזשור". מיר האָבן זיך באַקאַנט און איך האָב באַלד געזען אַז ער איז זיך משער פאַרוואָס מיר האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ נעבן אים. ער האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט אַז זיין זון באַהאַלט זיך אויס ווייל די דייטשן ווילן אים שיקן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

ברויט אן קארטן

צומאָרגנס האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין דער בעקעריי אין אַ מאָמענט ווען עס זענען נישט געווען קיין קונים אין געשעפט. געטראָפן האָב איך דאָרטן אַ פרוי זיצן ביי דער קאַסע. זי האָט זיך געפּאָרעט מיט אַ פּעקל ברויט־קאַרטן מיט אַ פערדאגה'טן פנים. אויף מיין "גוטמאָרגן" האָט זי שטיל געענטפערט נישט אויפ־הייבנדיק איר קאָפּ. בשעת איך האָב געוואָלט צוריקגיין, האָט זי געוואָרפן אַ בליק אין מיין זייט און מיר געפרעגט וואָס איך וויל. כ'האָב נישט געהאַט די העזה צו רעדן ווייל איך בין נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון איר פאַרכמאַרעטן פנים. איך האָב מיר געטראַכט אַז זי וועט מיר זיכער אָפּזאָגן. דאָך האָב איך אַרויס־געשטאַמלט אַז כ'וועל קומען מאָרגן.

אָנקוקנדיק מיין סעמיטישע פיזיאָנאָמיע האָט זי מיר העפליך געענטפערט: "עס וועט זיין די זעלבע זאַך היינט אָדער מאָרגן". דאַן האָב איך זיך ענטשולדיקט פאַר מיין דרייסטקייט און איר דערציילט אַז מיר באַהאַלטן זיך אין דער כאַטע ביי מ'סיע לא פארט, ווייל די דייטשן ווילן אונז אינטערנירן און אפשר קען זי מיר פאַרקויפן אַ ברויט אָן אַ קאַרטע. "זיכער, זיכער", האָט זי געענטפערט, "איר דאַרפט זיך נישט זשענירן. קומט ווען איר וועט באַדאַרפן".

און אַזוי בין איך געגאַנגען דאָרטן קויפן דאָס ברויט צוויי יאָר מיט דריי חדשים...

דערזען אַ דייטש

צווישן די שכנים פון אַרום אונזער כאַטע האָט זיך געפונען אַ פּוילישע פאַמיליע וועלכע האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק פינף הונדערט מעטער ווייט פון אונז. מיר האָבן זיי אויסגעמיטן ווייל מיר האָבן נישט געהאַט צו זיי קיין צוטרוי, און באַזונדערס צו דער פּאָליאַטשקע.

איינמאָל אַ זונטאגדיקן אָוונט ווען אַרום האָבן מיר געזעען ווי די מענער אין דער געגנט האָבן געשוירן די בלעטער פון די ביימלעך ביי די פלויטן און פרויען זענען געזעסן אויף די טראָטוואַרן נעבן די הייזער, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב דערזעען אַ דייטש אַריינגייענדיק צו די פּאָליאַקן. מיר זענען געוואָרן דערשיטערט, צעטומלט און זיך נישט געקאָנט באַהערשן פון פחד. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געטראַכט: וואָס טוט מען? אָבער מיר האָבן נישט געקענט עטוואָס אויסטראַכטן ווייל מיר זענען געווען שוצלאָז. עס האָט אונז געמאַטערט דער צווייפל צי וועט מען אונז טון שלעכטס אָדער נישט.

דאָך האָבן מיר באַשלאָסן צו זוכן אַ דירה אין אַנ׳אַנדער געגנט. מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס. מיין פרוי איז געגאַנגען צפון־זייט אין דער ריכטונג פון אַלנעי סו בוא און איך האָב זיך פּאַרקירוועט צו סעווראַן, אַ קליין שטעטל. איך האָב געשפּרייזט אין די גאַסן און געזוכט מיט נערוועזע בליקן צווישן די קאָלירנ־דיקע פּאַוויליאָנען און הייזקעס מיט באַבלומטע גערטנער. אָבער ליידער האָב איך גאָרנישט געפונען. איך האָב אַזוי געזוכט דריי שעה נאָכאַנאַנד און זייענדיק מיד זיך אַוועקגעזעצט אויפן עק טראָטואַר און געטראַכט: מאין יבוא עזרי?

צוויי קילא פלוימען

עס זענען דורכגעפאָרן פויערים אויף הויכע וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט מייערן און בוראַקעס. די רעדער האָבן געסקריפּעט אונטער דער שווערער משא. מיין אויפמערקזאַמקייט האָט אַרויסגערופן אַ בוים, באַדעקט מיט גרינע בלעטער. ווען כ׳האָב זיך דערנענטערט האָב איך געזעען אַ מאַן אויף אַ לייטער רייסנדיק פלוימען פון דעם בוים. איך האָב זיך פּאַרהאַלטן נעבן בוים און אים געפרעגט אויב ער פּאַרקויפט די פלוימען. ״ניין, איך פּאַרקויף נישט. דאָס איז פּאַר מיין געברויך״, האָט ער מיר געענטפערט, ״אָבער אויב איר ווילט צוויי קילאָ, קען איך אייך פּאַרקויפן״. ״מסכים, זאָל זיין צוויי קילאָ״, האָב איך געזאָגט. אַריינגייענדיק אין גאָרטן האָב איך באַמערקט אַ הייזקע וואָס האָט אויסגעזען נישט באַוווינט. איך האָב אים גלייך געפרעגט אויב ער קען עס פּאַרדינגען פּאַר מיר אַלס דירה. ״אויף וואָס פּאַר אַ צייט?״ פרעגט ער. האָב איך אים געזאָגט אַז איך נויטיק זיך אין דעם ביזן סוף פון דער מלחמה.

״גוט״, האָט ער געזאָגט, ״איך וועל דיר געבן מאָרגן תשובה״.

״מאָרגן קען זיין צו שפּעט״, האָב איך געזאָגט.

״צו שפּעט?״ האָט ער זיך פּאַרוואונדערט.

״מיר ווילן זיך אויסבאַהאַלטן ווייל מיר האָבן מורא פּאַר די דייטשן״, האָב איך אים ערקלערט.

„א סע סאל באָש” האָט ער געזאָגט און אַ כעס האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים.

ער האָט איבערגעלאָזט דאָס קיישל מיט די פלוימען און מיר געוויזן די צוויי ליידיקע צימערן. איך האָב אים געבעטן ער זאָל אַריינלייגן צוויי בינטלעך שטרוי און אַז מיר וועלן קומען אין אָוונט.

קומענדיק אַ היים האָט מיין פרוי געוואַרט אויף מיר ביים שכן וועלכער איז געווען אין אַ פריילעכער שטימונג. אַ פראַנצויזישן קריגס־געפאַנגענעם, אינטימער כריינט פון דער פּאָליאַטשקע, איז געלונגען צו אַנטלויפן פון אַ סטאַלאג. ער איז געווען אַ ווידערשטענדלער פון אַ גרופּע וואָס האָט געווירקט אויף דער פּראָווינץ. דעם דייטש איז דאָס נישט געווען פרעמד אָבער די זאַכן האָבן אים נישט אינטערע־סירט. מען האָט אונז פאַרזיכערט אַז מיר קענען זיין רואיק און מיר האָבן נישט וואָס איבערצוקלערן. מיר האָבן צוגעהערט די עצה און פאַרבליבן אויפן פּלאַץ.

אַ מעשה מיט א קאַפּעלוש

און איידער איך ענדיק, וויל איך נאָך באַשרייבן אַ נאַכט פול מיט שרעק וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין יענע צייטן. ווען נישט די טראַגישע אומשטענדן און דער פּחד פאַר די דייטשן וואָלט די זאַך גאָר געקלונגען קאָמיש.

איינמאָל, נאָך האַלבער נאַכט, ווען אַלעס אַרום איז געווען איינגעהילט אין אַ טיפן שלאָף, האָבן מיר דערהערט קלאַפּן אין טויער פון גאָרטן. דורך די ביימער און די פינסטערניש איז נישט געווען מעגליך צו זעען ווער עס שטייט אין דרויסן. מיר האָבן זיך קודם כל געגרייט אַריבערצוקלעטערן די מויער אויף יענער זייט גאַס. אַ לייטער איז דאָרט תמיד געשטאַנען כדי אַריבערצוגיין אין דער צווייטער זייט. די מוראדיקע שרעק האָט אויף אונז שטאַרק געווירקט און אונז צעטומלט.

ענדליך האָט זיך דאָס קלאַפּן איינגעשטילט. מיר האָבן נישט געקאָנט איינ־שלאָפן, זיך געדרייט אַהין און צוריק ביז דער טאָג האָט אויפגעוואַכט. דאַן, ווען אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום, דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט, האָב איך זיך אַריבערגעדראַפּעט דורכן פענסטער מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, דער־נענטערט צו דער טיר פון גאָרטן און וואָס האָב איך געזען ?... אַ קאַפּעלוש איז געלעגן אויף דער ערד. דאַן האָבן מיר ענדליך פאַרשטאַנען די סיבה פון קלאַפּן ביי נאַכט. ווייזט אויס אַז דער שטאַרקער ווינט, וואָס האָט געווייעט ביי נאַכט, האָט אַראָפּגעבלאָזן דעם קאַפּעלוש פון אַ דורכגייענדן מאַן. דערפאַר האָט ער געקלאַפּט אין טיר אויף צו נעמען דעם קאַפּעלוש. דערווייל האָבן מיר דורכגעלעבט אַ נאַכט מיט שרעק.

דער סוף איז געווען אַז קיינער האָט אין פאָלגנדע טעג נישט געפאָדערט דעם קאַפּעלוש וועלכער איז געבליבן ביי אונז ביז נאָך דער באַפרייאונג...

יוסף ליפשיץ

מיינע לעצטע סטאציעס נאָך דער מלחמה

נאָך קנאַפּע זעקס יאָר פֿון וואַנדערונגען און נויט אַלס ציווילער און אַלס זעלנער, אין פּוילן און אין רוסלאַנד, ווען דער טויט איז מיר נישט איינמאָל געשטאַנען אין די אויגען און נאָכדעם ווי איך בין בדרך נס געבליבן לעבן (דאָס אַלץ ווערט דערציילט אין דער באַשרייבונג "פֿון אָלקוש 1939 ביז אָלקוש 1945") — בין איך אָנגעקומען אין מיין געבורטס־שטאָט. מיין ערשטער הויפּט־געדאַנק איז געווען זיך דערוויסן וואָס איז געוואָרן מיט אונזערע נאָענטע.

ביי דער ערשטער געלעגנהייט, באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין וואַרשע אַלס זעלנער פֿון פּוילישן מיליטער, האָב איך מיר גענומען אַן אומלעגאַלן אורלויב און בין געקומען קיין סאָסנאָוויעץ. פֿון דאָרט בין איך דעמזעלבן טאָג אַריינגעפאָרן קיין אָלקוש.

נאָך פאָרנדיק אין דער באַן האָב איך זיך בעקאַנט מיט איינעם וואָס איז אויך געפאָרן קיין אָלקוש. אין יענע צייטן האָבן זיך די פּאָליאַקן נישט גוט באַצויגן צו דעם פּוילישן מיליטער. דער מאַן וואָס איז געפאָרן מיט מיר אין דער באַן האָט זיך געשאַרט צו מיר און אָנגעהויבן מיט מיר צו רעדן. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַז ער פאָרט קיין אָלקוש אין פּאָליטישער דינסט און איז אַ ייד. ער האָט געהאַט אַן אַדרעס צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אָלקוש. די פּאַרטיי האָט געהאַט איר זיץ־אָרט ביי מאָטל טעלערמאַן אין הויז. איך בין מיט אים אַרויפגעגאַנגען אין סעקרעטאַריאַט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אויבן האָב איך זיך דערוווסט אַז עס געפינען זיך איינצעלנע יינגע אָלקושער יידן. זיי האָבן דעמאָלט געוווינט אין אַ קליין צימערל ביי דעם פּלאַץ פֿון דער "טאַרגאָוויסטקע".

דוד גלייטמאַנ'ס אייניקל

נאָך גייענדיק פֿון דער באַן־סטאַציע אין שטאָט אַריין האָט מיך אָפּגעשטעלט, פּונקט אַנטקעגן יוסף קרוקס הויז, אַ יונגער בחור וועלכן כ'האָב בכלל נישט

געקאָנט. ער האָט געזאָגט אַז ער קען מיך. דאָס איז געווען דוד גלייטמאַנ'ס אַנ'אייניקל. דוכט זיך אַז ער איז געווען וועלוועלע גלייטמאַנ'ס אַ זון. ער האָט מיך אַרויפגעפירט צו זיך אין דער וווינונג וועלכע איז געווען גענוג גרויס אָבער ליידיק. ער האָט מיר געזאָגט אַז די וועכטערין זייערע האָט אים אויסבאַהאַלטן.

אַזוי ווי איך בין נישט געווען אויף אַ לעגאַלן אורלויב, האָב איך אַלס זעלנער נישט געקאָנט לאַנג בלייבן אין אָלקוש. טראָץ דעם האָב איך געהאַט גענוג צייט זיך צו באַקענען מיטן חורבן. די וואָס איך האָב דעמאָלט געטראָפן אין אָלקוש האָט מען געקענט אויפציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. צווישן די געציילטע אָלקושער האָט זיך אויך געפונען מיין עלטסטע שוועסטער'ס טאָכטער.

איך בין אָנגעקומען אין דעם הויז ווו איך בין געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן. איך קלאַפּ אָן אין דער טיר און איך הער אַז מען ענטפערט מיר: "אַריין". איך עפֿן די טיר און איך זע פֿאַר זיך אַ פּאָליאַק וואָס פרעגט מיר וועמען איך זוך. איך האָב גאָרנישט געענטפערט, פערמאַכט צוריק די טיר און אַוועק.

מ'זוכט — אָן דערפאָלג

עטלעכע חדשים נאָכן צוריקקומען פון די פראָנטן, האָט מען אָנגעהויבן באַפרייען די עטלעכע יאָרגענג וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק צוריק צו קומען לעבעדיקע פון דער מלחמה. נאָך זייענדיק אין וואַרשע אין מיליטער האָב איך געהערט אַז עס זענען דאָ יידישע קינדער וואָס זענען צונויפגענומען פון פאַרשידענע באַהעלטענישן, און אַז זיי זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין כאָזשווו (אויבער־שלעזיען) אין אַ ספּעציעלן הויז.

איך בין אַריינגעפאָרן אין דעם הויז אין כאָזשווו און האָב טאַקע געטראָפן דאָרטן קינדער אָבער ליידער נישט מיינס.

שפּעטער נאָכן דעמאָביליזירט ווערן האָב איך אויפסניי אָנגעהויבן צו זוכן אָבער אָן דערפאָלג.

אין סאָסנאָווצע האָב איך זיך אויך דערוווּסט ווי אַזוי מיין פרוי איז געוואָרן צוגענומען אין מיטן גאַס מיט אַ דערלויבעניש אין 1942 יאָר און איז גלייך דעפּאָר־טירט געוואָרן.

דאָס קינד איז געוואָרן אויסבאַהאַלטן מיט מיין פרויס שוועסטער ביזן 1944 יאָר. אַ סך שפּעטער האָב איך געטראָפן אַ סאָסנאָווצער אין פּאַריז. האָט ער מיר גענוי איבערגעגעבן ווי אַזוי מיין קינד איז געוואָרן צוגענומען דורך די דייטשן. נאָכן צונעמען מיין פרוי איז מיין קינד געבליבן מיט דער שוועסטער פון מיין פרוי און זי האָט געאַרבעט ביי דעם זעלבן סאָסנאָווצער. דאָרטן האָט זי אויך אויס־באַהאַלטן מיין קינד צוזאַמען מיט איר קינד. און זיי — די צוויי קינדער — זענען

צוזאַמען צוגענומען געוואָרן פון זיין שטוב ביי דער לעצטער אויסזידלונג פון די סאָסנאָווצער יידן אין 1944.

נאָכן דעמאָביליזירן בין איך געפאָרן נאָך סאָסנאָווצע. קיין ספּעציעלן אַדרעס האָב איך נישט געהאַט.

אין בענדין זייענדיק אויפן אַלטן מאַרק האָבן "אונזערע" פּאָליאַקן ביי אונז גאַנץ דרייסט זיך דערלויבט אויף אויסצוהאַקן די שויבן פון די פענצטער.

די זייער ווייניק אָפּגעראַטעוועטע יידן פון די לאַגערן, וואָס זענען געקומען צוריק נאָך פּוילן, אין זענען געווען זיכער אַז זיי וועלן וועמען טרעפן פון זייערע משפּחות, האָבן מאַסנווייז אויסגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד. נאָך אַמאָל אין די לאַגערן אַריין. שפּעטער בין איך אַליין אויך געפאָרן קיין דייטשלאַנד.

פרייע לאַגערן

דער ערשטער לאַגער ווו מיר האָבן זיך באַזעצט איז געווען דאָס טרויעריק באַקאַנטע בערגען־בעלזען. אין בערגען־בעלזען האָבן זיך געפונען עטלעכע לעבן געבליבענע אָלקושער לאַנדסלייט. אין בערגען בין איך נישט געבליבן לאַנג. איך האָב נישט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט. איך האָב אַלס געמיינט וועמען צו געפינען. איך בין אַרומגעפאָרן איבער דעם מערדערישן דייטשלאַנד ביז מיר זענען געקומען קיין מינכען.

אין מינכען האָט זיך געפונען אַ ביוראָ וואָס האָט צוגעטיילט פּלעצער אין די אַרומיקע לאַגערן. אַריינקומענדיק אין ביוראָ האָט איינער פון אונזער גרופּע דער־קענט אין דעם הויפּט־שעף פון דעם ביוראָ זיינס אַ קאַפּאָ פון לאַגער. טראָץ דעם וואָס מען האָט נישט געגעבן מער קיין דערלויבעניש צוצושרייבן אין די נאָענטע לאַגערן אַרום מינכען האָט ער אונז יאָ געגעבן, ווייל ער האָט זיך געפילט אין עפּעס שולדיק.

מיר זענען אַריינגעפאָרן אין לאַגער פערענוואַלד. דאָרטן האָבן מיר נישט געטראָפן קיין סך אָלקושער.

אין פערנוואַלדער לאַגער איז פאַרהעלטנישמעסיק געווען שטיל. קולטורעל און אויך רעליגיעז. אין לאַגער זענען געווען צוויי רבנים, איינער אַ שוואַרצער און איינער אַ רויטער. דער ערשטער איז געווען פון דער אגודה; דער צווייטער פון מזרחי. אַז אַ מיידל האָט חתונה געהאַט און אַז זי האָט זיך אָפּראַזירט די האָר האָט זי באַקומען פון שוואַרצן רב פופציק דאָלאַר.

עס איז אויך געווען אַ קולטורעל מאָדערן לעבן. מען האָט געשפּילט יידיש טעאַטער. עס זענען פאָרגעקומען פאַרשידענע רעפעראַטן. עס איז אויך געווען צו גאַסט אונזער גרויסער יידישער שרייבער ה. לייוויק וועלכער איז אַרויסגעטראָטן

מיט אַ רעפעראַט. מיט אים איז אויך געווען אַ יידישע זינגערן פון אַמעריקע וואָס האָט געזונגען דאָס פּאַרטיזאַנער־ליד "זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג".

מ׳וואַנדערט אויס

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון עטלעכע לאַגערן פון מינכענער געגנט וועגן שאַפן אַ מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן די אויף סניי איינגע־אָרדנטע געטאָ־לאַגערן. עס איז אויך געשיקט געוואָרן אַ גרופּע פון עטלעכע מאַן קיין פּאַריז כדי געוויר ווערן ווי אַזוי עס וועט מעגלעך זיין איינצואָרדענען זיך דאָרט. שפּעטער זענען אויך געקומען צו אונז עטלעכע פּאַריזער יידן זיך אינטערע־סירן מיט אונז, אָבער עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען פון דעם.

מיט אַ צייט שפּעטער האָבן זיך געיאוועט ביי אונז אין לאַגער צוויי מענער פון פראַנקרייך וואָס האָבן געהאַט אַ פּריוואַטן אינטערעס... וועגן אַריבערפירן מענטשן קיין פראַנקרייך. אַ סך מענטשן איז נמאס געוואָרן דאָס לאַגער לעבן. אַזוי אַז עס איז אויף אַ גאָר שנעלן אויפן אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרופּע פון פופציק מאַן און מיר זענען מכלומרשט אויף אַ לעגאַלן אויפן געפאָרן קיין פּאַריז. אין דער גרופּע האָבן זיך אויך געפונען עלטערן מיט גאָר קליינע קינדער געבוירענע שוין אין פרייען לאַגער.

איך באַזעץ זיך אין פּאריז

מיר זענען אָנגעקומען קיין פּאַריז אין סאַמע הייסן וואַקאַציע סעזאָן (אויגוסט 1946). די מענטשן פון דער אָרגאַניזאַציע וואָס האָט אונז אַהער געבראַכט האָבן זיך גאַנץ גוט באַשעפטיקט מיט אונז. מען האָט געשאַפן פאַר אונז קודם כל פלעצער צום שלאָפן און באַזאָרגט אונז מיט קאַרטן אויף צו באַקומען לעבנסמיטל. דאָס איז געווען דאָס ערשטע יאָר נאָך דער מלחמה.

מען האָט אונז צוגעטיילט ספּעציעלע מענטשן וואָס זענען מיט אונז געגאַנגען אין די געהעריקע מלוכה־אַמטן און ערלעדיקט אַז מיר זאָלן ווערן לעגאַל און באַקומען די פּאַסיקע דאָקומענטן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס האָט זיך געפונען אַן "אָפּנעמער" אויף מיינע הענט און איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט מען מיר געמאַכט אַ משפּט (אונטער די אויגן) פאַר אַריבערגיין אומלעגאַל די גרענעץ. איך און כמעט אַלע אַנדערע זענען פאַר־משפּט געוואָרן אויף אַ געלט־שטראָף פון צוויי טויזנט פראַנק. איך האָב דעם שטראָף באַצאָלט.

שפעטער האָב איך זיך געזעגנט און אָפּגעמאַכט מיט מיין ארבייטס־געבער אויף אַ יאָר מיט אַ פארפליכטונג אַז ער וועט מיר באַשעפטיקן און איך וועל נישט פאַלן די מלוכה צו לאַסט.

ערשט אָנפאַנג 1947 האָב איך באַקומען אויף אַ קורצע צייט רעכט צו אַרבעטן. מען האָט מיר די ערלויבניש שפעטער פאַרלענגערט ביז איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דער פוילישער בירגערשאַפט. און אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין אַרומ־וואַלגערן זיך אין משך פון אַכט יאָר.

ישראל צוקרמן

תלאות לאחר השחרור

ארבעה שניצלו

ברצוני להעלות על הנייר את דבר הינצלותם ממוות של ארבעה מאנשי אולקוש — ממש ברגע האחרון לפני שאולצו לצעוד ב"צעדת המוות" הידועה. היה זה בינואר 1945. הצבא הרוסי החל להתקרב ושומרי־המחנות הנאציים, ברצותם לכלות את שלא הספיקו עד אז, ציוו על הניצולים היחידים, שלא נשלחו עד אז לכבשן, לצעוד בצעדה שממנה נותרו רק מתי מספר.

באותם ימים נשארתי אני ובנימין וייצמן בחדר־החולים. תשושים מדי היינו משנוכל להשתתף ב"צעדת המוות". בנימין וייצמן נדון למוות אחר שכן עוד מעט עמדו להובילו לכבשן. לבוש היה בבגדים מנייר־אריזה למלט וחיכה לעגלת־המתים. אך הצבא הרוסי הקדים לבוא ולפתע מצאנו את עצמנו חופשיים.

התדהמה היתה גדולה. המעבר היה חד מדי ולא הצלחנו לעכל את התמורה שהתחוללה. עם השתחררותנו מעולם הרוצחים הנאציים, החלה להציק לנו השאלה הנוראה: לאן ללכת? מה לעשות? למי לפנות?

החילונו ללכת כשהננו שבורים ורצוצים מבחינה גופנית ונפשית, אנשים מעונים שאינם יודעים מה ילד יום אם כי חופשים לנוע לכל מקום. הקור היה אז בעיצומו. המשמרות הרוסיים עיכבו כל פעם את הנודדים, חקרו אותם לזהותם מתוך חשד שאלה הם נאצים מחופשים. לא פעם שאלו אותנו את השאלה המשפילה: איך זה נשארתם בחיים? אין לתאר את מצוקתנו הנפשית כשהיינו צריכים להסביר למה ובאיזו דרך ניצלנו.

כך נדדנו, עזובים ובלויים ממקום למקום, עד שהתקרבנו לסביבות בנדין. ירד עלינו הלילה, ליל שלגים וסופה, שעה שנכנסנו לפרווריה של אותה עיר שהיתה פעם קהילה יהודית מפוארת. כששוטטנו בעיר רצינו למצוא יהודי אך לא הצלחנו בכך. לבסוף החלטנו לגשת ל„דום דזיאדוב" (הבית ששימש אכסניה למחוסרי־בית) ושם מצאנו, לתדהמתנו ולשמחתנו, את פנחס פרסול ואת בנו, שגם הם נשארו בחיים כמונו.

מתקרבים לאולקוש

כמובן שנדברנו יחד לצאת למחרת היום לאולקוש. הדרך לאולקוש היתה הארוכה ביותר כי לבותינו החלו לפעום משהתקרבנו לעיר מולדתנו.

כשהגענו ארבעתנו לאולקוש, התחלנו לשוטט בחוצותיה. היה זה חודש פברואר. הקור היה עז. השוק היה מכוסה קרח, סופת שלג השתוללה ואנו איננו מאמינים למראה עינינו: אף אחד מאלה שעזבנו איננו. העיר זרה. ואיש אינו מכיר אותנו. פנחס פרסול הציע שנשקול את צעדינו להבא ונחליט מה עלינו לעשות. הננו פורצים בבכי מר וכל אחד מאתנו מנסה להרגיע את רעהו. ובינתיים — אין לנו מקום שבו נוכל להניח את ראשנו עם בוא הלילה. פרסול מציע שנפנה אל ד״ר קיציארסקי, המתגורר בבית פשחודסקי, ולאחר מכן נראה מה לעשות.

שמענו בקולו. החילונו לצעוד לעבר ביתו. עברנו דרך רחוב קראקובסקה. ידי רעדו מהתרגשות. הנני עומד ליד ביתו של ר׳ מוטל טלרמן ז״ל. רחוב זה היה הומה בשעתו מבני־נוער יהודיים. ועתה — אין כל זכר להם. הייתכן הדבר? — הננו שואלים את עצמנו — היכן נעלמו כולם?

כך דשדשנו ברחובות המושלגים והזרים עד שהגענו לדירתו של ד״ר קיציארסקי. הננו מתייצבים ליד הדלת ולבבותינו הולמים מפחד ומהשפלה.

הננו מקישים על הדלת וממתינים. הדלת נפתחה, ובפתח עמדה אשתו של ד״ר קיציארסקי המתבוננת בנו ואינה מכירה אותנו. אנו איננו מסוגלים להוציא הגה מפינו. ״מי אתם?״ היא שואלת. אך עד שהספקנו לומר משהו, יצא הד״ר קיציארסקי שהכיר תיכף את פרסול. ״אתה הוא זה?״ הוא מכריז. ״אלוהים שבשמים!״ מזדעקת אשתו.

צדיק אחד בסדום

בקול רועד ביקשנו שיתנו לנו רשות ללון לילה אחד. הד״ר קיציארסקי משיב לנו בחגיגיות: כל עוד אינכם מסודרים, תוכלו להישאר אצלנו כמה שתרצו. ואכן היה זה צדיק אחד ויחיד בסדום הכללית שמסביבנו.

הודינו לו מקרב לב על נדיבותו ויחסו האנושי והוא מסר לידינו את טרקלינו ואמר: כאן יהיה החדר שלכם! הרגישו עצמכם כמו בבית! ניתנו לנו לבנים והלכנו להתרחץ. העזרה שהגיש לנו עד שהסתדרנו באחד הבתים באולקוש, כפי שאספר להלן, העמידה אותנו על רגלינו והחזירה לנו את צלמנו האנושי. ייזכר־נא לטובה האיש האציל הזה, שהחזיר לנו, ולו במעט, את האמונה באדם.

לאחר ימים אחדים לשהותנו בביתו של קיציארסקי, הועמד לרשותנו ביתם של הורי אברהם לוזר. בבית זה החילונו במעין חיי־קומונה של שארית־הפליטה האולקו־שאית ובו רצינו לרכז את כל השרידים האחרים שניצלו דרך־נס כמונו, הארבעה.

מצאנו זאת כחובתנו הקדושה להפוך את הבית למקום מקלט לשרידי השואה מיוצאי עיירתנו.

החילונו לאסוף מיטות־ברזל, כלי מטבח ורהיטים אחדים. לאט לאט החלו לספק לנו מזון אם כי בצמצום. כדי להשיג ככר לחם צריכים היינו לקום בשעה חמש בבוקר. אך כל זה לא הרתיע אותנו כי בלבנו פיעמה התקווה כי עוד מעט יגיעו עוד ועוד ניצולים. כל יום הגיעו שניים־שלושה אולקושאים ועד סוף מרס אותה שנה מנתה שארית הפליטה שלנו כ־40 איש. ברצוני לציין את המסירות הרבה שהראו פנחס פרסול ובנימן וייצמן, שלא חסכו עמל כדי לקיים את הבית ולהפכו למקום מקלט לניצולים המעטים.

החיים היו קשים מאוד. המזון היה בצמצום. קשה היה להשיג פחמים להסקה. העזרה שקיבלנו מה״ג׳וינט״ לא הספיקה אך סיפוק רב גרמה לנו העובדה שהננו מקבצים בכוחותינו הדלים את שארית־הפליטה האולקושאית ועושים למען שיקומה האנושי והיהודי.

שעון־הקיר

ימים אחדים לאחר הגיעי לאולקוש פגשתי את קוריצק, חתנו של שווינטק. תוך כדי הבעת השתתפות בצערי ובמה שאירע לי ולבני משפחתי, הוא מציין שהיה שכן שלנו ומספר כי בדירתנו השתייר שעון־הקיר. הדייר, הגר בדירה שלנו, מצא אותו ארוז. דבריו הרשימו אותי והחלטתי לבוא למקום ולראות את השעון. סיפרתי על כך לחברי בנימין וייצמן ואמרתי: הנה היום אוכל לראות במו עיני את החורבן. הוא הציע לי ללוות אותי אולם הודיתי לו על רצונו הטוב והחלטתי ללכת למקום לבדי. שפתי דובבות תפילה שיינתן לי הכוח לעמוד בנסיון. יצאתי לדרך לבדי. בצעדים חרישים ואיטיים עברתי דרך רחוב קראקובסקה בעודי משתדל שהנוצרים האולקושאים לא יכירו אותי.

כשהגעתי לשער הבית העפתי מבט על החצר הארוכה. מתוך ביתו של אלי גלייטמן יצא כומר צעיר. הוא הסתכל בי, מדד אותי במבטו שאמר ללא צל של ספק: מה פירוש הדבר? אתה חי עדיין?

התקרבתי לבית והסתכלתי במרצפות של החצר שעליה התרוצצתי בימי נעורי. הכל נראה לי עתה זר. דממה בכל. עוד מעט ונדמה לי שאני שומע את קולה של אמי הקוראת: שרוליקל!... ראשי מסתחרר עלי ואני מפנה את מבטי לעברים וכולי מדוכדך. במאמצים על־אנושיים הגעתי עד הדלת. נשען אל הקיר הנני מחפש את המזוזה. הנני מקרב את ידי הרועדת למקום המשוער ואכן הבחנתי במקום שבו תלויה היתה פעם המזוזה הגדולה. לפתע הרגשתי כי נשימתי מתקצרת, ברכי רועדות, ובכוחותי האחרונים פתחתי את הדלת. אך לא עמד לי כוחי להיכנס דרכה

שכן צנחתי ארצה, מתעלף. עודני שוכב על הרצפה שמעתי קול צעקתן של נשים שהגישו לי מים כדי להשיב את רוחי. השתדלתי לקום והנני מתיישב. בינתיים הגיעו שכנים שהחלו לשאול: מי הוא האיש? מאין יכולת לדבר, הנני נותן סימנים בתנועות־יד כדי לומר שהוקל לי. והנה מופיע שייגץ קטן, כבן חמש־עשרה המכריז: זהו ז'יד (יהודי), זהו ז'יד! רק אז חזר אלי מעט כוח הדיבור וכששיני נוקשות זו בזו סיפרתי מי אני וכי בבית זה התגוררה משפחתי עשרות בשנים, אבא, אמא, אחים ואחיות, משפחה גדולה שהיתה ואיננה... וכי ברצוני לראות את ביתי פעם אחת, זאת הפעם. תוך כדי כך הנני מרגיע אותם שאין אני רוצה מהם דבר.

הדיירים משתתקים והנני מביט על סביבי. מתוך הדומיה — כך נדמה לי — בוקע קול הזמירות של אחי אברהמ'לי השר: אלי, אלי למה עזבתני? מהחדר השני נשמע תקתוקו של השעון, בקצבו הרגיל, השקט כמימים ימימה, כאילו לא נשתנה דבר. הנני קם ממקומי ומבקש מהדיירים שירשו לי להיכנס לחדר השני כדי לראות מקרוב ולמשש במו ידי את שעון־הקיר שהיה שלנו משך עשרות בשנים. הרשות ניתנה לי והנני ניגש לשעון. בהתקרבי אליו ובהושיטי ידי להחזיק בו, איני יכול להשתלט על רגשותי והנני פורץ בבכי שאליו מצטרפים כל הנוכחים.

כשעזבתי את המקום השמיע השעון שנים־עשר צלצולים חדים שהיו כה ידועים לי. היתה זו שעת צהריים.

זה היה מגעי האחרון עם ביתי שחרב.

קולונל יהודי מצבא הסובייטים

בינתיים הגיע לעיר בית־חולים של הצבא הסובייטי, שהתמקם בבית הספר שליד תחנת־החשמל הישנה. בבית־חולים זה שכבו חיילים פצועים. באחד הימים הופיעו בביתנו איש־צבא ואשה בעלת דרגה דומה. הגבר הציג את עצמו כפלדמן בעל דרגה של קולונל והאשה — שמה גרשקה.

השניים התיישבו והחלו לשאול למצבנו, האם איננו רעבים ללחם. במיוחד התענין בגורלנו הקולונל פלדמן שהסתכל בנו, כשדמעות בעיניו, והבטיח שיעזור לנו במצוקתנו ככל שיוכל. הודינו לו והוא הלך לדרכו. בימים שלאחר מכן עזר לנו הקצין הסובייטי היהודי הזה ככל שיכול. הוא היה מבקר אותנו תכופות ודאג לכל מחסורנו. הוא היה מעין אפוטרופוס שלנו, בן בית וידיד נפש.

באחד הימים נקראנו להופיע בפני קצין־העיר הרוסי. בנימין וייצמן ואני התייצבנו בפניו. הקצין הודיע לנו כי בשוק החדש יש חדרים נוספים ושאל אותנו אם אנו זקוקים להם. השיבונו לו כי מוטב לנו להישאר בעיר עצמה. אגב הציע לנו לבדוק את הדירות שהציע לנו משום שבהן התגוררה קודם העילית של ה"ווהרמאכט" והס.ס. שמענו בקולו ויצאנו למקום בלוויית חייל רוסי. כשהגענו למקום והחייל

פתח את הדלת, החלו לבותינו לפעום בחוזקה. בתוך הבית מצאנו רהיטים כבדים, מיטות יפות, תמונות של נאצים ונתברר לנו כי במקום התגורר גאולייטר. לקחנו כמה מכסים למיטה ועמדנו לצאת. באותו רגע נתקל מבטנו במגירה של אחד הארונות. ניגשתי לפתוח את המגירה אך קשה היה להזיזה. התאמצנו שנינו לעשות זאת וכשהצלחנו לפתוח את המגירה נתגלתה לנגד עינינו "מגילת אסתר". וייצמן לקח לידו את המגילה כדי להיווכח אם אינו חולם בהקיץ. הוא הסיר את קופסת־הפח שבה היתה המגילה עטופה ועליה פתק מודבק. קראנו את הכתוב בגרמנית: Juden Gebetsrolle כלומר מגילת־תפילה של יהודים.

פורים תש"ח

קשה לתאר במלים את התרגשותנו למראה הגילוי הזה, ביחוד כשאותו יום היה יום תענית אסתר, כשבערב אמורים יהודים לקרוא את המגילה. החייל הרוסי לא הבין את התפעלותנו מארוע בלתי רגיל זה. הוא שאל לסיבת התרגשותנו ואנו הסברנו לו.

לקחנו עמנו את המגילה וחזרנו לביתנו. כשסיפרנו לדרי הבית את מה שקרה לנו והראינו את המגילה, הגיעה התרגשותם של הניצולים לשיאה. אכן, קרה לנו נס. נזכרנו בימים השלווים שלפני המלחמה ובבתינו ההרוסים. השעה היתה שתיים אחה"צ. שכבתי לנוח קצת מההתרגשות שפקדה אותי ובו ברגע הופיע ידידנו פלדמן. קמתי ממיטתי וסיפרתי לו את דבר המגילה. הוא הסתכל במגילה מבלי להוציא הגה מפיו. כנראה שלא היה בכוחו לדבר. דמעות עמדו בעיניו.

משנרגע קמעא אמר לנו: יקירי, אם קרה נס כזה, אין זאת כי אצבע אלוקים היא. משום כך אבוא אליכם אני, הקולונל פלדמן, ואקרא בפניכם את המגילה. התכוננו, איפוא, והערב אבוא אני ואשתי.

כמובן שהתכוננו לאותו פורים ראשון, לאחר שנות האימים. לא קל לתאר את המתיחות הנפשית. נזכרנו ביקירנו שנרצחו על ידי הנאצים וקיווינו שנשמותיהם תבואנה גם הן להשתתף בקריאת מגילת פורים של הניצולים המעטים, שהם עתה אנשים חופשיים.

בערב הגיע פלדמן ואשתו. התברר שמוצאה ממשפחת רבנים מאומסק. הוא היה לבוש במדים יפים ועל חזהו אותות הצטיינות. באמצע החדר עמד שולחן ארוך. הגברים גמרו להתפלל מעריב והנשים עטופות בצעיפים שחורים. הכל ממתינים בחרדה ובמתיחות לרגע קריאת המגילה על ידי קצין סובייטי גבוה שהוא מבני עמנו. ד"ר פלדמן עטוף טלית, לידיו הגברים ומאחוריהם הנשים. הוא מתחיל לקרוא את המגילה בלבביות וברגש עד שכל הנוכחים, הנזכרים בבתיהם שנחרבו, פורצים בקול בכי אדיר הסוחף את כולם. הנוכחים השבורים בגוף וברוח נותנים פורקן

להרגשת הסבל והמצוקה ולתקוות לעתיד. הד״ר פלדמן גם הוא נסחף בבכי הכללי אך משתדל להבליג על רגשותיו. הוא פונה אלינו ומבקש מאתנו שנירגע ונתן לו לקרוא את המגילה.

לבסוף מתחיל להדהד בחדר קולו הערב בניגון המסורתי הידוע: ויהי בימי אחשוורוש...

הנני מסתכל לתוך המגילה ואיני יכול להירגע. ד״ר פלדמן, בהשתתפות בנימין וייצמן, ממשיכים בקריאת המגילה.

☆

החוויה הזאת אין לתארה במלים ומן הראוי שידעו עליה. וכי מילתא זוטרתא היא? שני יהודים מאולקוש מצאו ערב פורים מגילת אסתר לקרוא בה, והבעל־קורא היה לא אחר מאשר קצין יהודי גבוה מהצבא הסובייטי.

תיזכר־נא אפיזודה מרנינה זו וידער־נא עליה הדורות הבאים.

אבוי לי, תם הכל... היתה אומה
והיא איננה עוד, היה היתה
אומה והיא אינה... חסל!

(מתוך ״השיר על העם היהודי שנהרג״ ליצחק קצנלסון)

הווי
הימים ההם

א. פודולסקי

קווים לדמותו של חותני
יוסף טנדלר הי"ד

בעל שחרית ומוסף בראש השנה היה וביום הכפורים פתח ב„כל נדרי" ונעל בנעילה, ואם החסיר הש"ץ איזו תפילה בבית המדרש, השלימה בבית הכנסת שממול. בעל קול נעים וחזק היה. למרות שכמעט וכלו כוחותיו, אפשר היה לשמוע ממרחק רב את קולו בעת תפילת נעילה. הרבה שנים עזר לידו בנו בכורו ר' יודל ז"ל. אותו ר' יודל נשוי ואב לילדים היה הניח את בני ביתו ובא לעזור לאביו כ„משורר" במקהלה. מעורב בין הבריות ומחסידי חנצין היה ר' יוסף ז"ל. לא הניח תענית ציבור ואף ביום שהשיא בו בן או בת היה צם. עשה צדקה וחסד בכל עת. זאת ועוד: במעשה הצדקה שלו השתדל להבין את הזולת. השתדל למנוע פגיעה קלה בנפש רעהו. ואם מישהו מלקוחותיו היה מפסיק את קניותיו אצלו ונתעורר החשד שמא בגלל אי יכולת לפרוע חוב הוא עושה זאת, היה מביא את סחורתו לביתו.

היה מראשוני באי בית המדרש. עזר כנגדו היתה זוגתו חנה רחל ע"ה, אשה כשרה, צנועה ובעלת מידות טובות.

מוצא אני לחובה לסיים באפיזודה אחת שנשארה חרותה בזכרוני: כשנפרדנו ממנו בשעת עליתנו ארצה, משאלה אחת היתה בלבו: שיישלח לו קומץ עפר מאדמת הקודש, כדי שיניחו למראשותיו בבוא היום. אך ליום זה לא זכה. איש שעשרות משנותיו הקדיש להבאת בני עירו לקבר ישראל, הוא עצמו לא זכה לכך. באין קבר או מצבה ישמשו טורים אלה ציון לדרך חייו.

שלמה (בן חיים־דוד) גראסמאן

מיין זיידע ישעיהו גראסמאן ז״ל
(שיע מויערעד)

ווער האָט אים נישט געקאָנט אין עלקיש? אַ ייד עטוואָס העכער פון מיטל־ווּוקס, די פּלייצע אַ ביסל איינגעבויגן, שטענדיק אַ פּאַרטראַכטער, מיט אַ שטילן שמייכל פון אַ חכם. דער ערשטער און עלטסטער יידישער מויערער אין עלקיש.

צוליב דעם, און אַ סך אַנדערע אייגנשאַפטן איז כדאי אים צו דערמאָנען און צו פאַרגעדענקן.

מיין זיידע איז געבוירן געוואָרן אין 1848 אין דער אַלטער יידישער שטאָט עלקיש. זיין פאָטער, מיין עלטער־זיידע הייסט עס, האָט געהייסן ״משה דער שמש״ פון דער שול, וועלכע האָט אויך געהאַלטן די מקווה.

אין די דאַמאָלסדיקע צייטן איז דאָס געווען אַ שטיקל יחוס און אויך געווען פאַרבונדן מיט בוי־קענטנישן ווי: רעמאָנטן פון שול־בנין און אויך די מקווה מיט אירע דאַמאָלסדיקע איינריכטונגען. און דאָס האָט אויפגעוועקט ביי מיין זיידן שוין פון קינדוויז אָן, זיינע כמעט אַלגעמיינע פעאיקייטן צו אַ סך פאַכן און ספּעציעל צו מויערריי אין וועלכער ער האָט זיך הויך קוואַליפיצירט פון זיך זעלבסט.

זיין ״עזר כנגדו״

אגב דאַרף מען צוגעבן אַז דער זיידע וואָלט אפשר גאָר גרויס אויפגעוואַקסן ווען נישט אַ אומגליק וואָס האָט אים געטראָפן אין די בעסטע, שענסטע יאָרן זיינע: ער האָט גליקלעך חתונה געהאַט, זייענדיק אַלט בלויז זיבצן יאָר, מיט אַ פרוי, אויך אין זיינע יאָרן וואָס האָט געשטאַמט פון דעם גרויסן פאָלקס־רבין ״דודל לעלאווער״ זצ״ל. פון דער היים האָט זי געהייסן חיה־לאה אַדלער. זי איז געווען געבילדעט, קלוג, געקאָנט לערנען און ווי מען דערציילט געפאָרן אַמאָל אין שליחות קיין פּעטערבורג זיך משתדל זיין פאַרן יידישן שטעטל עלקיש.

די באָבע מיינע האָט פיל בייגעהאָלפן אויפצוּוועקן דעם זיידנס גרויסע פאַך־

פּעאיקייטן, אָבער לײדער, נאָכן געבױרן אים פינף געראָטענע זין, פלוצים געשטאָרבן אין די בליענדסטע יאָרן, אַלט זײענדיק בלויז 25 יאָר.

דעם זיידנס שטענדיקע פּאַרטראַכטקייט און זוכענישן האָט אויף אים געווירקט אײנצופירן פאַרשידענע נײעסן פון דער ברײטער וועלט אין שטעטל אַרײן. אַזוי, אַז אַ חוץ מויערײ האָט ער אײנגעפירט אײנע פון די ערשטע סאָדע־וואַסער פאַבריקאַציע; ער איז געווען דער ערשטער פאָטאָגראַפיסט — נאָך אויף נאַסע קלישן, ווען בײ פאָטאָגראַפירן זיך האָט דער מענטש נישט געטאָרט זיך רירן כמעט אַ פערטל שעה.

ער פלעגט אויספירן מיט זײנע פעאיקע זין די שענסטע ארכיטעקטאָנישע אַרבעטן אין די פּאַלאַצן פון די דאמאָלסדיקע פריצים, קונסט־מאַלערײ אויף די ווענט און נאָך פאַרשידענע נײע טעכנישע עקספערימענטן אין פאַך. אַלע זײנע זין האָבן פון דעם עטוואָס געיירשנט און ווײטער זיך פאַרפּולקאָמט.

געבויט די פאבריק

פון דעם אַלעמען איז לײדער קוים געווען אויף פּרנסה אין שטוב. אַלע זײנע זין האָבן חתונה געהאַט און זיך צופאָרן אין די גרויסע שכנותדיקע שטעט: בענדין, סאָסנאָוצע — ערציענדיק אַ ווײטערן דור פון בוי־פאַכלײט, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן בויען די צוויי דערמאָנטע יידישע שטעט.

און אָט אַזוי אַרום, אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז זיך געקומען קײן עלקיש אַ װינער־דײטש, אַ קאַפּיטאַליסט מיטן נאָמען "װעסטן" און אײנגעקויפט אַ שטיק וואַלד נעבן דער באַן־סטאַציע בכדי אויפצובויען אַ גרויסע פאַבריק פאַר בלוי־געפעס. און ער, דער דײטש, האָט גערופן דעם זײדן מײנעם אַלס דעם בעסטן מויערער פון שטעטל און געמאַכט אים פאַר אײנעם פון די מײסטערס פון זײן פאַבריק, אַזוי, אַז דער זײדע מײנער הײסט עס, איז פאַקטיש געווען דער, וואָס האָט געלײגט דעם ערשטן גרונט־שטײן פון דער פאַבריק וואָס איז דערנאָך באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט און האָט שפּעטער געגעבן פּרנסה כמעט פאַר דעם גרעסטן טײל פון שטעטל.

אַזוי האָט מײן זײדע ערליך געאַרבעט אַלע יאָרן אין דער פאַבריק "ביגיע כפּיו", שטיל, בכבוד און פלוצים אָפּגעשטאָרבן בײ דער אַרבעט אין יאָר 1925, אַלט זײענדיק 77 יאָר. איבערגעלאָזט האָט ער אַ שײנעם נאָמען מיט וועלכן דאָס דאמאָלסדיקע עלקיש דאַרף שטאָלץ זײן: אַ ייד אַ מויערער. דערמיט האָט ער אין יענע צײטן אַדורכגעבראָכן דעם פאַרהאַסטן גלות׳דיקן שאַבער־מאַכער געשטאַלט אין די אויגן פון די גוייִשע שכנים.

שיע מויערערס אייניקלעך

מיר דאָ, זיינע געבליבענע אייניקלעך און אוראייניקלעך, וואָס האָבן זיך געראַ־טעוועט נאָכן גרויסן חורבן און די וואָס געפינען זיך דאָ נאָך פון דער דריטער און פערטער עליה, זענען ממשיך זיין גראדן און נוצלעכן וועג פאַר אונזער לאַנד אַלס בוי־פּאַכלייט. דעריבער זאָל זיין געבענטשט זיין גרויסער פּיאָנערישער אָנפאַנג, ווייל היינט, ברוך־השם, ווען איך קוק מיך צו ווי אונזער אייגן לאַנד בויט זיך, — דאַכט זיך מיר אויס אַז אָט די אַלע מויערערס וועלכע שטייען אויף די רושטאָוואַניעס און די וואָס בויען פאַבריק־בנינים זענען אַלע "שיע־מויערערס־אייניקלעך" וואָס מערן זיך און וואַקסן אין די שווערע טויזנטער. כן ירבו.

אָט דאָס איז דער פאַרדינטער "יזכור" נאָך מיין זיידן און זיין לעבעדיקע מצבה.

ל. בלומענפעלד, פּאַריז

טיפּן פון יענע צייטן

שמעון שטארק ז״ל

אונזער קאָנטשאַפּט האָט דאַטירט פון חדר. איך האָב דאַן געגעסן "טעג" ביי מיין משפּחה. מיינע עלטערן האָבן דאַן געוווינט אין דאָרף (שולעשאָוו).

ווינטער, אין די פינצטערע אָוונטן, פלעגן שמעון שטאַרק מיט נאָך אַ חדר־ייִנגל, וועלכער איז געווען גליקלעך צו האָבן אַ לאַמטערנדל, מיך באַגלייטן דורך דעם לאַנגן חושכדיקן הויף צו דער מומע רבטשע ווו כ׳האָב געהאַט מיין אכסניה. אַ פּחד האָט אונז אַרומגענומען, ווען איינער פון דער חברה פלעגט דערציילן אויס־טערלישע מעשיות וועגן שדים וואָס שפּאַצירן אין חצות דורך דעם שוואַרצן הויף וועלכער האָט געפירט צו דער שול.

שפּעטער האָבן מיר זיך באַגעגנט אין מזרחי לאָקאַל ווו זישע סאַנדזער ז״ל האָט געלערנט און קאָמענטירט תנ״ך און אויך ביי געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, "פּאָסטעמפּ", "מוזע", ווו ער איז געווען זייער אַקטיוו, באַזונדערס פאַר יידיש לשון.

ער איז געווען אַ אינטעליגענטער סאָציאַליסט מיט אַ רייכן קוואַל פון וויסן, אַ וואַרעם יידיש האַרץ, און גלייכצייטיק רעליגיעז — אַ זאַך וואָס אין יענער עפּאָכע האָט זיך נישט געלאָזט דערקלערן.

מיר האָבן זיך תמיד געפּלפּולט אין פילאָזאָפישע מיינונגען, געחקרנט, דיסקר טירט מיט אונזערע באַגרעניצטע השגות וועגן געטלעכקייט.

אין יענער צייט איז אויך פאָרגעקומען אַ פאַרביטערטער קאַמף פון די "שומרי שבת" וועלכע האָבן געמאַטערט אומרחמנותדיק די יוגנט. פון דער צווייטער זייט האָט מען פאַרשפּרייט דאָס שפּריכוואָרט אַז "רעליגיע איז אָפּיום" וואָס מיר האָבן נישט באַגריפן.

אין די דרייסיקער יאָרן איז שמעון שטאַרק געוואָרן אויסגעוויילט אַלס דאָזאָר פון דער קהילה. ער האָט געזוכט אַריינצוברענגען אַ ביסל אָרדענונג אין שטעטל. מיר זענען פאַרבליבן האַרציקע פריינט און קאָרעספּאָנדירט ביז דער לעצטער מינוט.

ער איז אומגעקומען אין אָשוויץ. כבוד זיין אָנדענק.

מאיר ווייצמאַן דער בעל תוקע (מאירל רב אלתרס) ז"ל

אַ אויפריכטיקער גאָטספאַרכטיקער, ערלעך פרום, אַ ייד בן תורה, וועלכער איז געזיצן טאָג און נאַכט און געלערנט אין בית המדרש. איינגעטונקען נאָר אין סאַמע רוחניות.

פאַרן אָנהויב פון די תקיעות איז דער עולם שוין געווען אַ דורכגעדרינגען מיט אַ טיפן עקסטאַז. אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדעט צום בעל תוקע. אַז מען האָט אָנגעקוקט זיין איידעלן צאַרטן בלאַסן געזיכט, האָט זיך געשאַפן אַ געפיל פון צוטרוי און זיכערקייט, אַז ער איז דער שליח ציבור, און איז באַרופן זיך אויס־צוטענהען מיטן רבונו של עולם, און זיכער וועלן זיינע תקיעות דערגיין ביז צום כסא הכבוד... שטייענדיק אויפן בעלעמער צווישן די גבאים און בעל קורא, פאַר־הילט אין זיין טלית איבערן פנים, מיט פערמאַכטע אויגן שאָקלענדיק לייכט מיטן קאָפּ, האָט דער בעל תוקע פאַטעטיש מיטן פולן האַרץ און לירי־ש־דראַמאַטישן טאָן אַרויסגעזאָגט דעם ערשטן פּסוק: מן המיצר קראתי יה... דער געשפאַנטער עולם פלעגט מיט התלהבות ענטפערן: קולי שמעת. טרערן האָבן געגומען פליסן פון זייערע אָנגעשטרענגטע אויגן און פון עזרת נשים האָבן זיך געהערט געוויינען און יאָמערדיקע זיפצערייען אין לשער. נאָך אַ קליינער פויזע האָט זיך דער עולם צוריק איינגעשטילט און דער בעל קורא האָט פאָרגעזאָגט: תקיעה, שברים, א.א.וו. און דער בעל תוקע האָט מיט גרויס טאַלאַנט געבלאָזן אַלע תקיעות.

שטייענדיק פאַרזינקען אין זייערע מחזורים האָבן די מתפללים אויסגעהערט די תקיעות און געגלויביט, אַז היינט וועט קומען די ישועה.

נאָכן ענדיקן די תקיעות האָט דער עולם ווייטער פאָרגעזעצט דאַוונען מוסף, אָבער די בחורים האָבן פרייער אָפּגעעטעמט. ס'איז זיי לייכטער געוואָרן אויף די נשמות. מיט סודותפולע נייגעריקייט האָבן זיי געכאַפּט אַ בליק אויף די אויס־

געפוצטע שיינע מיידלעך, וועלכע זענען געשטאַנען ביי די אָפענע פענצטער און זיך צוגעהערט צום שופר־בלאָזן.

יצחק חזן (יצחק לייכטער) ז״ל

איך וויל דערמאָנען אַ עוולה וואָס האָט פּאַסירט אין אָלקוש פון יענער תקופה, און איז פאַרבליבן ביי מיר אומפאַרגעסלעך און געמאַכט זייער אַ שלעכטן רעש אין שטעטל. דאָס איז געשען ווען יצחק חזן איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זיין חזנות, צוליב חילוקי דעות מיטן רב ז״ל בנוגע דעם נידריקן לוין וועלכן יצחק פלעגט באַקומען פון דער קהילה הגם די באַפעלקערונג איז געווען מיט יצחק חזן, און אפילו מאַניפעסטירט אין דער שול אַז ער זאָל באַקומען אַ העכערן לוין. לײדער איז דער רב געווען זייער מעכטיק. ער האָט געדראָט עטלעכע דאָזאָרעס פון דער קהילה, אַז אויב זיי וועלן נישט אויספירן זיינע באַפעלן, וועט ער אָנווענדן מיטלען וואָס וועלן ברענגען שאָדן סיי דער קהילה, סיי זיי פערזענלעך.

יצחק לייכטער איז געווען פון די מאָדערנע חזנים, אַ סימפּאַטישער מענטש, מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויף זיין פּנים און אַ צוגעפוצט עסטעטיש רונדיק בערדל. ער איז געווען זייער באַליבט ביי דער באַפעלקערונג, און האָט באַזיצט אַ אויסער־געוויינלעכע שיינע שטימע, געדאַוונט מוספים מיט אַ אויסשטודירטן כאָר אין דער שול. זיין דאַוונען האָט מען פאַרגליכן צו די בעסטע קאָנצערטן. זיין זינגען מיטן כאָר האָט פאַרשאַפט אַ גייסטיקע הנאה, און די מרה שחורה פלעגט פאַרשווינדן. פון כל נדרי ביז נאָך נעילה האָט ער מיט טאַלאַנט אַקצענטירט יעדעס וואָרט, רירנד געזאָגט די פסוקים, און געזונגען ליריש הארציקע ניגונים, וועלכע האָבן דערוועקט אַ אומבאַשרייבלעכן ענטוזיאַזם ביי די מתפללים, און באַזונדערס ביי די פרויען וועלכע זענען געווען פילבאַר ביי כל נדרי, נתנה תוקף, און נעילה.

אין כאָר האָבן אָנטייל גענומען די פאָלגנדע פערזאָנען: יהושע בירענבוים, ישראל־לייב פריילעך, אלי חנן ראָזענבלום ז״ל, שמעון פרידמאַן (ישראל), שמחה קאַרצפעלד (אַמעריקע) און דוד זאַבערמאַן (פראַנקרייך).

די זעלבע חברים זענען געווען טעטיק אין דראַמאַטישן קרייז. זיי האָבן געשאַפן אַ געזאַנג קלוב, מיט דער איניציאַטיוו פון י. ל. פריילעך און שמעון פרידמאַן. ס׳איז געוואָרן פאַרשפּרייט דאָס יידישע ליד. אין אַלע שטובן האָט מען דאָן געזונגען לידער פון ביאַליק, רייזן, קיפניס, ראָזענפעלד, ווינטשעווסקי און אַנדערע.

ידידי דאַפנער (בעל שחרית) ז״ל

געווען איז דאָס אַ ייד מיט אַ הדרת פּנים, אַ בעל הביתישע שיינע באָרד וואָס האָט אַרויסגערופן דרך ארץ. אַ פרומער חסיד, ליב געהאַט אַ בליק צו טאָן אין אַ

בלעטל משניות, געהאַט אַ חוש פאַר הומאָר. תמיד שמייכלדיק און זאָגנדיק שאַרפ־זיניקע פאָלקסווערטלעך. זיין רעדן איז געווען ענלעך צו אַ דעקלאַמאַציע.

ראש השנה אין דער שול ווו ער האָט געדאַווענט שחרית, האָבן אים אינטער־געהאָלפֿן דער כאָר פון יצחק חזן, ווי אויך זיינע זין אליעזר און ראובן ז״ל. מאַיעסטעטיש פלעגט ער זיך דערנענטערן צום עמוד. מיט זיין הייסער מתיקות־דיקער שטימע פלעגט ער אינטערפרעטירן די זינגענדיקע תפילות (״מכלכל חיים בחסד״) און רעציטירן וואָרט וואָרט נאָך וואָרט (״ובכן תן פחדך״), וועלכע האָבן גערירט די הערצער פון די מתפללים.

כ׳דערמאָן מיך זיינע מלווה מלכות וועלכע ער פלעגט איינאָרדענען, און די גוטהאַרציקע מומע רבטשע פלעגט דערלאַנגען כיבוד, צו די פאַרבעטענע משפחות און געסט.

גאָר פריילעך איז געוואָרן ווען דער פעטער ידידי האָט גענומען זינגען דעם המבדיל.

יוסל טענדלער (בעל שחרית) ז״ל

ראש השנה אין בית המדרש! עס האָבן געברענט ביים עמוד גרויסע ליכט; דער עולם פאַרזינקען אין מחשבות, אַ טייל מתפללים מיט צער׳פולע אויסדרוקן. אַלע האָבן געדאַווענט מיט גרויס כוונה שחרית.

די שטימונג איז געווען אָנגעשטרענגט, אין דרויסן האָט זיך די זון געשפּילט מיט די וואָלקנס, ס׳האָט זיך געפילט דאָס אָנקומען פון הארבסט. אליע שמש האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן אויפן בעלעמער: שאַ, שאַ! דער עולם האָט זיך איינ־געשטילט, נישט מער געהערט קיין שאָרך.

באַגייסטערט איז געשטאַנען אין דער זייט יוסל טענדלער ז״ל, אָנגעטאָן אין ריין ווייסן קיטל, דער טלית אַריבערגעוואָרפן איבערן קאָפּ, האַרציק אינטער־געברימט אין דער שטיל: הא, הא, הא! פון רגע צו רגע, אַ טאָן העכער און העכער, דער עולם איז געוואָרן אומרואיק צוקוקנדיק ווי יוסל געסטיקולירט מיטן פאַרדעקטן קאָפּ, און פלוצים, הגם יעדער האָט פון פאָרויס געוווּסט וואָס דאָ וועט פאָרקומען, האָט יוסל אַרויסגעשריגן מיט אַ אויסערגעווענלעכער שטורמישער קראַפט, פון העכסטן טאָן, דעם ״המלך״ וועלכער האָט אָפּגעהילכט אין גאַס.

דער בית המדרש מיטן עולם האָבן אַ ציטער געטאָן פאַר שרעק, די באַלייכטנדע הענגלייכטער האָבן זיך אַ שאָקל געטאָן. די קלענערע חברה האָבן גענומען וויינען פאַר פחד. נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן האָט זיך יוסל דערנענטערט מיט לאַנגזאַמע טריט צום עמוד ווו זיינע זין יידל און שמואל דוד ז״ל האָבן אים אונטערגעהאָלפן אויסצוזינגען די פסוקים.

דער עולם זייענדיק צוגעשמיט אויף די פלעצער, וואַרטנדיק ביז יוסל וועט פאַרזעצן די ווייטערדיקע תפילות, איז נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון דעם שטאַרקן אויסגעשריי "המלך", וועלכער איז זיכער געפלויגן צו די הויכע הימלען, און וועט אויסבעטן פאַר אַלעמען אַ גוט יאָר.

אברהם יצחק גרויער ז"ל

אַ פארטגעשריטענער רעליגיעזער יידישער אינטעליגענט, מיט אַ קולטורעלן רכוש. ער האָט געהערט צו די אַריסטאָקראַטישע פערזענלעכקייטן פון די גדולי הדור אין יענער תקופה. אַ גרויסער מומחה פון תנ"ך, תמיד געלערנט, געלייענט, און שטודירט די ביבל. זיין רייכע ביבליאָטעק איז געווען אויסגעפילט מיט רומ"ל ספרים, אַ גרויסע צאָל יידישע ביכער, דובנאָווס און גרעצס יידישע געשיכטע, רוסישע און פוילישע ווערק, פאַרשידענע זשורנאַלן כמעט פון דער גאַנצער וועלט, צווישן אַנדערע אויך אַ העברעאישע צייטונג. ער איז געווען אַ אָנהענגער פון ציוניזם. אויף זיינע אייגענע הוצאות געלאָזט זיך שרייבן אַ ספר תורה.

די חשוב'ע דיכטער הלל צייטלין און בימקא ז"ל, אַ דורכפאָרנדיק אָלקוש, האָבן באַזוכט אברהם יצחק גרויער.

נאָכן באַזייטיקן יצחק חזן, האָט דער רב ז"ל איינגעלאַדן אברהם יצחקן צו דאווענען מוסף אין דער שול. באין ברירה איז ער געווען געצוווּנגען מחמת ס'איז נישט געווען קיין אַנדערער. זייענדיק אַ גרויסער בעל מנגן האָט ער זיינע הארציקע מעלאָדיעס געזונגען מיט טאַלאַנט. זיינע תפילות האָבן דערוועקט געפילן פון פרייד, בטחון און האָפענונג. צוגעהאָלפן צו זיין דערפאָלג האָבן זיינע זין ברוך און שלמה, כאָרשאַפנדיק פאַר די מתפללים אַ נחת רוח. זייענדיק אַ בעל יסורים, איז ער געבליבן צוגעשמיט צום בעט ביז זיין טויט.

יוסף קרוק ז"ל

אַ פאָלקסטימלעכער בעל הביתישער ייד, ענערגיש, געדאַווּנט איילענדיק נערוועאיש, אָבער התלהבות'דיק־הארציק און אָנגענעם. טיילמאָל פלעגט ער טוישן זיין טאָן אויף אַ מאָנאָטאָנישן מאָטיוו, פון אַ־מעט און אומרו. תיכף האָט ער מאדולירט זיין שטימע מיט אַ ליידנשאַפטלעכן גרימצאָרן, רעציטירענדיק מיט אַ צעצויגענעם ניגון וועלכער האָט געטרייסט און געמוטיקט.

צו דער גינסטיקער שטימונג האָבן מיטגעווירקט זיין זון יקותיאל און ש. פרידמאַן, (וווינען אין ישראל) און דערמיט פאַרגרעסערט דעם גענוס פון די מתפללים.

אלתר פעלטשער

אַלטער ראטמענטש, אַ באַשיידענער פּראָגרעסיווער ייד, תמיד געלעזן צייטונגען. אַ מאָדערנער בעל הבית. עראָפּעאיש געקליידעט, מיט אַ עסטעטיש געשוירן בערדל, האַלב ערנסטן שמייכל. רעלאטיוו רעליגיעז. פאַרנומען אַ פּלאַץ ביי דער מזרח וואַנט אין בית המדרש. געווען פּאָפּולער ביי דער יידישער באַפעלקערונג. ספּעציאַליסט צו היילן קריזשעס, קלעפּן ביינקעס און פּיאַווקעס אונטערן אויער... ביי נישט פאַרמעגליכע פאמיליעס פלעגט ער זיך אָפּזאָגן צו נעמען באַצאָלט פאַר זיין טרחה. אַלס פעלטשער איז ער געווען צוגעטיילט צום שטאָטישן שפּיטאָל, ווו ער פּלעגט ביי אומגליקספאַלן, אין דער אָנוועזנהייט פון אַ דאָקטאָר, פאַלמעסן טויטע. בעת די צוזאַמענשטויסן אין באַלקאַנישע לענדער האָבן יידן געהאַט אַ טבע אַריינצוקומען אין זיין רעזורע, צו הערן נייעס פון דער וועלט, פרעגענדיק: ר׳ אַלטער, ס׳איז אמת, אַז מען שלאָגט זיך דאָרט אויף די באַלקאָנען (באַלקאַנען) ?

מאצוך אין אלקוש

דער פרימאָרגן האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן אויסשיילן פון דער פינצטערער נאַכט. גייענדיק אין חדר צו עקיבא געצלן, פלעגן מיר תמיד וואַרטן אין מאַרק אין ראָג פון דער סטאַק גאַס, אויף אַנדערע חברה. אויפן טראַטואַר זענען געשטאַנען צוויי יידן — פרענקל און פראבאלאווסקי — וועלכע זענען געווען אויפן וועג צו גיין אין בית־המדרש דאַווענען און געקיביצט צווישן זיך. פּלוצים איז אָנגעקומען אַ פּערזאָן מיט אַ וואַליזע אין האַנט, שוואַרץ געקליידעט, מיט אַ ברייטן קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, דינע קנייטשן אויפן שטערן, געווישט האָט ער מיט אַ ווייסן טאַשנטיכל זיין רויט פּנים פון שווייס. ער האָט אויסגעזען מאָדנע. געשפּאַנט מיט שנעלע טריט צום פּלאַץ ווו די בעלי־עגלות פּלעגן וואַרטן אויף פּאַסאַזשירן צו פירן צו דער באַן־סטאַציע.

די צוויי יידן זענען געוואָרן אינטריגירט, און האָבן כסדר נאָכגעקוקט. מיר האָבן גענומען דעם וועג צום חדר. אַריבערגייענדיק דעם מארק זענען מיר געבליבן שטיין ביי די פורמאַנעס.

דער פרעמדער מאַן, עטוואָס נערוועזיש, האָט זיך געווענדעט צו איינעם פון די פורמאַנעס, צו יצחק מאירן (דער טויבער איטשע־מאיר). מיר האָבן דערזען אַז יצחק־מאירן געפעלט נישט דער עסק וואָס די פערזאָן האָט פאַרלאַנגט פון אים.

דער פרעמדער, קוקענדיק אויפן שיינעם צאַפּלדיקן פערדל וואָס האָט נישט געקענט שטיין אויף איין אָרט, האָט זיך דערנענטערט צו יצחק־מאירן, און אים איינגערוימט עטלעכע ווערטער. פון איבעראַשונג איז יצחק־מאיר צוריקגעשפּרונגען. צעעפנט זיינע האַלב פאַרמאַכטע אויגן, נישט געענטפערט, זייער לאַנגזאַם אויפ־

געבינדן דעם זאַק מיטן האָבער פֿון פֿערדל, צוגעוואָרטשעט. אַרונטערגעוואָרפֿן דעם זאַק אַרינטער דעם געזעס, אַרום געשפּרייזט אַרום זיין ברישטשקע. נאָך אַ קורצע הפסקה האָט ער אַ העפֿליכן ווונק געגעבן צום פּאַסאַזשיר ער זאָל פֿאַר־נעמען פּלאַץ אויף זיין ברישטשקע. דאַן האָט ער זיך אויך אַרויפֿגעכאַפּט, אַצי געגעבן מיט די לייצעס, אַ שמיץ געטאָן מיט דער בייטש, צוגעמרוטשעט מיט אַ „וויאָ" און פֿאַרשווינדן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

דאָס שטעטל איז דאַן געווען באַשעפֿטיגט מיט טעגליכע דאגות. קיינער האָט נישט געוווּסט, אפֿילו די אַנדערע פֿורמאַנעס וועלכע האָבן נישט געזען יצחק־מאירן אַ גאַנצן טאָג האָבן אויך נישט גערעדט צווישן זיך. עטליכע טעג שפּעטער האָט מען פֿאַרשפּרייט אַ ידיעה אין בית־המדרש, אַז אויף דער רוסיש־עסטרייכישער גרעניץ איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן אַ גלח וועלכער איז געקומען פֿון אַלקוש. יידן האָבן זיך געוווּנדערט: פֿון אַלקוש? ווער קאָן דאָס זיין דער בעל־עגלה וואָס האָט באַגלייט אַ גלח ביז דער גרעניץ? ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און פֿרענקל און פּראַבאַלאָווסקי האָבן זיך משער געווען אַז דאָס איז אַוודאי געווען יצחק־מאיר. יידן אין בית המדרש האָבן געהאַט פֿון וואָס צו רעדן. האָבן געזוכט צו וויסן וויפֿל האָט יצחק־מאיר פֿאַרדינט פֿאַר דער רייזע. יעדער איינער האָט אַרויס־געזאָגט אַנ'אַנדערע סומע. פֿון צווישן די דיסקוטאַנטן האָט אַ יידל אַזאָג געגעבן אַ פֿאַנטאַסטישע סומע וואָס איז געווען איבערטריבן אָבער נאַאיווע האָבן צוגעגעבן אַז יצחק־מאיר האָט געהאַט אַ גוט פֿאַרדינסטל. מען דערקענט דאָס אויף זיין פּנים.

אַזוי האָט זיך די רכילות אַרומשפּאַצירט אין שטעטל פֿון איינעם צום צווייטן ביז עס איז צוגעקומען צו יאָסל טאָטערס פּלוניתטע וועלכע האָט זיך צעהיצט און געשריגן מיט איר מענה לשון: „יאָסל, יאָסל, ווו ביסטו געווען ווען דער פּאַסאַזשיר איז געקומען אין מאַרק? פֿאַרוואָס האָסטו נישט גענומען דעם פּאַסאַזשיר? פֿאַר־וואָס האָסטו צוגעלאָזט דעם טויבן איטשע־מאיר? ווער ווייס וויפֿל אַזאַ מאַן, אַזאַ הייליקער גלח, האָט באַצאָלט פֿאַר דער רייזע?"

„מיין שקאַפּע איז אים נישט געפֿעלן געוואָרן", האָט יאָסל זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר זיין ווייב. „נו יאָסל, זעסט, כ'האָב דיר שוין פֿון לאַנג געזאָגט אַז דיין שקאַפּע טויג נישט, זי שטייט מער ווי זי גייט. פּרעסט פֿאַר זעקס".

אַ געוויסן אָוונט, צווישן מנחה און מעריב, האָט מען פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז די פּאָליציי וועט אַרעסטירן יצחק־מאירן אין צוזאַמענהאַנג מיטן צופֿירן דעם גלח צו דער גרעניץ. פֿריינט האָבן געעצהט יצחק־מאירן ער זאָל זיך אויסבאַהאַלטן ווייל די פּאָליציי וועט אים באַשולדיקן אין מיטהעלפֿן צו אַנטלויפֿן. אַנדערע יידן האָבן אים געראַטן ער זאָל זאָגן תהילים, געבן צדקה אָרימע מענטשן, ער זאָל פֿאַסטן יעדן דאָנערשטיק. שבת נאָכן דאַווענען, אַרויסגייענדיק פֿון שול, האָבן

זיך די ווייבער געסודעט. פון צווישן די ווייבער האָט זיך איין יידענע צעהיצט און געשריגן: ווער האָט אים געהייסן פאָרן מיט אַ גלח צו אַלדע גוטע יאָר? מען וויל אַריינרייסן אַ וועלט. אַלעס איז צו ווייניג. דערפאַר האָט אים גאָט געשטראָפט. אַ שיינע ריינע כפרה אויף אים. זאָל ער גיין אין קרימינאַל.

דאָך האָט זיך ס׳שטעטל באַרואיקט. יצחק־מאיר, זייענדיק אַ עקשן, האָט קיינעם נישט געענטפערט. פּלוצים האָט די פּרעסע געמאָלדן, אַז דער גלח מאצוך איז געפאָרן פון טשענסטאָכאָוו מיט דער באַן קיין אָלקוש. און פון אָלקוש איז ער געפאָרן ביז צו דער גרעניץ טשעבינע ווו ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי, וועלכע האָט געפונען אין זיין וואַליזע, צווישן אַנדערע חפצים, די ברילי־אַנטענע אויגן פון דער הייליקער מאַריע וואָס ער האָט אַרויסגעגנבעט אין דאָרטיקן קלויסטער. דעם נאָמען פון בעל־עגלה האָט מען נישט דערמאָנט. שפּעטער איז מאצוך פאַרמשפּט געוואָרן אויף עטלעכע יאָר תּפיסה. אין דער זעלבער תקופה איז באַפרייט געוואָרן מנדל בייליס פון דעם צוגעטראַכטן בלבול ביי דעם באַוווּסטן עלילת־דם פּראָצעס. די באַפרייאונג איז געווען דאַן אַ גרויסע מפּלה פאַר די אַנטיסעמיטן און האָט אַרויסגערופן אַ פרייד אין דער יידישער וועלט.

אין יענער צייט איז געווען באַרימט דער יידישער ספּאָרטסמאַן פון וואלקעס, בראַצקי. נאָך אַ אינצידענט מיט אַ געגנער, אַ קריסט, האָט ער אויסגעשריגן: מאצוך גניע, אַלע בייליס זשיע (דאָס הייסט: מאצוך פוילט אָבער בייליס לעבט).

לאַנגע יאָרן האָבן זיך יידן באַנוצט מיט די דאָזיקע ווערטער ביי יעדער פּראָוואָקאַציע פון אונזערע אַנטיסעמיטישע שכנים.

לשנה הבאה בירושלים

יום כּפּור ווען דער עולם האָט זיך געגרייט מיט פאַרכטיקייט צו נעילה, אַזוי ווי באַשולדיקטע אין אַ פּראָצעס וועלכע וואַרטן ציטערדיק דער ריכטער זאָל זיי צוטיילן ס׳לעצטע וואָרט פון פּסק דין, דאַן איז אין אַ זייטן־ווינקל אין בית המדרש געשטאַנען אַ ייד. זיין נאָמען איז מיר נישט פאַרבליבן אין זכרון, אַ גבירישער קבצן. פאַרקליידעט אין אַ קאָמישער זשיפּיצע, קליינע רויטע אויגן פון גאַנצע נעכט תהילים זאָגן, מיט אַ שוואַרצע ברייטע געקרייזלטע באָרד, נאָר אַרויס־געזען זיין שפּיציק נעזל, מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן. זיין מויל איז געווען פאַר־שטעלט מיט זיינע געדיכטע וואָנצעס, טיף פאַרזינקען אין זיינע מחשבות. נאָך עטלעכע מינוט טראַכטן, אַריבערגעצויגן זיין טלית איבערן קאָפּ, לייכט איבער־געשפּרינגען, אייליק ליידנשאַפטליך געמורמלט די תפילות; געקלאַפּט אין טיש מיט זיין קליינע פויסט, באַגלייט מיט געסטיקולאַציעס.

פון צייט צו צייט אַרויסגעשיקט פון אונטערן טלית אַ אָנגעוויייטיקטן יידישן קרעכץ ווען דער חזן האָט געענדיקט וואָלט געסטייעט פאַרן גאַנצן עולם. ווען דער חזן האָט געענדיקט "לשנה הבאה בירושלים" האָט ער מיט ווילדע קולות וואָס זענען פאַרשלינגן געוואָרן דורך די מתפללים, צענדליקער מאָל איבערגעחזרט: לשנה הבאה בירושלים. אַ מידקייט איז אים באַפאַלן, איינגעדרימלט, אַ חלום איז אים אַ דורך אין זיין דמיון.

שוין אַ האַלבן יאָרהונדערט ווו ער שטייט אויפן זעלבן אָרט, מיט די זעלבע תפילות. זיין פאָטער האָט דאָ אַ גאַנץ לעבן פאַרבראַכט. זיין זיידע, עלטער זיידע.

אינסטינקטיוו האָט ער געפילט אַז זיין ישועה איז נישט ווייט, ער דאַרף נאָר אויסשטרעקן זיין האַנט. אָט אָט איז אַלץ גרייט צו נעמען. ביי גאָט איז אַלס מעגליך, אויב נישט יעצט, אפשר שפּעטער, מאָרגן, נאָך אַ יאָר, ס'וועט שוין קומען.

נישט אַוועקנעמענדיק זיינע בליקן פון מחזור האָט ער געבלעטערט, איבער־געבליקט פאַרשידענע פסוקים און ווייטער געשעפטשעט זיינע סודותדיקע תפילות: לשנה הבאה בירושלים!

ל. ב.

דערשלאָגענע און באַוולהטע

יענקעלע וואַסערטרעגער

פֿאַרטאָג ווען די פֿאַרגייענדיקע לבֿנה האָט זיך אומבאַמערקט צעשווימען אין די הימלען, האָט יענקעלע וואַסערטרעגער אויף דער שנעל אַרייַנגעכאַפּט זייַן דאַוונען און געאײַלט צו טראָגן די עמערס וואַסער. תּמיד זיך געשראָקן אַז זייַן היטל אויפֿן קאָפּ זאָל זיך נישט איבערקערן... וואַסער האָט ער געטראָגן נאָר צו רייַכע בעלי בתּים, און אויף קרעדיט. געהאַט אַ תּאווה צו באַרירן די הענט פֿון מיידלעך, מיט אַ שמייכל אויף זייַן רונדיקן פּנים און טיפֿע לאַכנדיקע אויגעלעך, האָט ער זיך געשדכנט צו מיידלעך, אָנגעבאָטן די עלטערן צוטראָגן וואַסער טויזנט מאָל, צוויי טויזנט...

קיינמאָל נישט געדענקט ווען ער דאַרף פֿריִער אָדער שפּעטער טראָגן וואַסער. איינמאָל זיך פֿאַרגעסן און צופֿיל געטראָגן אַז אַלע פֿעסער זענען געוואָרן איבערפֿולט... אַ צעיאַכמעטער פֿלעגט יענקעלע צוריק שלעפּן די עמערס וואַסער, און רעדן צו זיך: ראָחטשע איז מיר שולדיק פֿאַר 300 מאָל, מאַנטשע דאַרף מיר באַצאָלן פֿאַר 400 מאָל...

זייַן היים איז געווען דער בוידעם ביי זייַן ברודער, געשלאָפֿן אויף זעק. זעלטן אַראָפּגעצויגן זייַנע בגדים. עסן האָט ער צונויפֿגעזאַמלט ביי זייַנע בעלי בתּים, און עס געהאַלטן אויפֿן זעלבן בוידעם ווו די מייַז האָבן אויך פֿאַרזוכט פֿון די מאכלים. פֿלעגט ער מאַכן אַ אַלאַרם און אויפֿוועקן די שכנים.

זייַן מויל איז תּמיד געווען אין באַוועגונג. זייַנע גרעסטע דאגות זענען געווען די מלבושים. באַקלאָגט זיך שטענדיק: ס׳קאָסט טייַער דאָס אָנטועכץ. זייענדיק קרענקלעך קאַרג, האָט ער קיינמאָל נישט אויסגעגעבן אַ גראָשן. דאָך איינמאָל אין אַ שטאַרקן ווינטער האָט ער געוואָלט קויפֿן אַ קורטקע געשטעפּט אויף וואַטע. געחשבנט וויפֿל מאָל וואַסער ער וועט דאַרפֿן טראָגן אויף צו באַצאָלן פֿאַר אַזאַ מלבוש, 1000 אפֿשר 2000 מאָל.

טאָג איין טאָג אויס, פֿאַרבייגייענדיק דעם שניידער (שטאַרק), נישט באַוויזן

צו פרעגן וויפל עס דאַרף קאָסטן. האָט ער זיך דערמאַנט: ס׳איז טייער. זיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיטן וואָרט טייער, ס׳איז טייער... אין אַ פראָסטיקן טאָג לויפט ער ווילד צום שניידער: נו איפל ווילסטו זאָלסט מיר אויפ־נייען אַ גוטע קורטקע? ברייט, זייער ברייט, פון הינטן טראָג איך אַ צווייטע זשיפּיצע, מיט אַ קאַפּטאַן, שבת טראָג איך מיין טלית אונטער דער זשיפּיצע. זאָלסט נייען 5 מאָל, דאָפּלט אַהין און צוריק, נישט פאַרגעסן... אָבער יענקעלע האָט זיך ווידער דערמאָנט: ס׳איז טייער, ס׳איז טייער.

אַזוי האָט יענקעלע זיין גאַנץ לעבן פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט געטראָגן די שווערע עמער וואַסער. ביז אין איין טאָג האָבן גנבים צוגערויבט זיין אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגן פון זיינע צענדליקער יאָרן שווערע פראַצע.

איציק טשעלנע

אַ שווייגענדיקער, קיינמאָל נישט גערעט. אפילו ווען ער האָט געוואָלט עטוואָס פרעגן אָדער ענטפערן, האָבן זיך זיינע שווערע דיקע ליפּן קוים באַוויגן. פון נידריקן וווקס, דיק, זייער קרעפטיק. אַ רויטע צווייעקיקע באָרד. פאַרוואַקסענע אויגן. זיין זיך־אָרט איז געווען ביי די ניימאַרקס אין אַ שטאַל. זעלטן זיך געוואַשן, ווען ס׳האָט גערעגנט האָט ער זיך אויסגעטאָן האַלב נאַקעט, הנאה געהאַט. דער רעגן וועט אַלעס אַראָפּשווענקן.

באַוואָפנט מיט אַ טאָרבע שמאַטעס און שטריק אַרום זיין קערפּער. דאָס האָט אים נאָך מער צוגעגעבן צו זיין דיקייט. קורצע הענט, קורצע פינגער וועלכע מ׳האָט נישט אַרויסגעזען, מחמת די אַרבל פון זיין בגד זענען געווען זייער לאַנגע. אַרויפגעשאַרצט די אַרבל, אַריבערגעוואָרפן אַ שטריק אויף זיין אַקסל, גענומען דעם דישעל אונטערן אָרעם און געשלעפּט אַ וואָגן אויף צוויי גרויסע רעדער מיט קוילן, אָדער זעק מיט תבואה. ווען נישט די ברייטקייט פון זיין קערפּער, האָט געדוכט פון דערווייטנס אַז אַ זעקסיאָריק קינד שטייט ביים וואָגן.

צו זיין גאַרטל שטריק איז געווען צוגעבונדן אַ מעסער מיט וועלכן ער האָט געשניטן ברויט. יעדן פרימאָרגן ווען די זון איז נאָר געווען פאַרהילט אונטערן האָריזאָנט, האָט איציק געטריבן אָקסן מיט קעלבער צום שעכט הויז. אויב אַ אָקס האָט זיך פאַרגליסט צו שפּאַצירן רעכטס, אָדער לינקס, האָט איציק אַ צו געטאָן ביים שטריק מיט אַ קראַפט אַז די הערנער האָבן זיך פאַרבויגן... אַ פאַרעקשנטער אָקס פלעגט אָנהויבן לויפן איבער די גאַסן, זיך אויסבאַהאַלטן אין דער בעקעריי ביי וואַלדמאַנען (מאכעווער בעקער), זיך צעבאַלעוועט, צעטראָטן אַלעס...

איציק האָט אַרומגענומען מיט זיינע קירצע הענטלעך דעם קאָפּ פון אָקס און אַרויסגעבעטן פון געשעפט. אַ חברותא קונדסים האָבן געשפּאַסט, נאָכגעשריגן:

"איציק, האָסט פאַרלוירן אַ בהמה! איציק, ווען וועסטו דיך קעלבן? איציק טשעלנע".

איציק האָט זיך פאַרהאַלטן מיט זיין אָקס. קוקנדיק מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אויף דער מחנה יינגלעך... פון זיין ברייט פנים האָט מען באַמערקט אַ ליידנ־שאַפטלעכע פאַרביטערונג. שנאה, פראָטעסט קעגן דער גוזעלשאַפט...

זיינע פאַרמאַכטע ליפן האָבן אומבאַמערקט געשעפטשעט: נו, אַז כ'בין אַ גלגול... ווער איז דער שולדיקער?

מאיר צעבולאש

באַגינען ווען דער טאָג איז נאָך געווען איינגעהילט אין פינצטערניש, האָט ער זיך געשלעפט אין בית המדרש אַריין, צוגעהאַלטן די צוויי פאָלעס פון זיין לאַנגער קאַפּאָטע, בכדי נישט צו פאַלן, עלנט, פאַרנאַכלעסיקט, באַעוולט פון דער נאַטור, קורצזיכטיק ביזן לעצטן גראַד. גערופן האָט מען אים "מאיר צעבולאַש" מחמת ער האָט ליב געהאַט ציבעלעס. געשמאַק געקנאַקט מיט זיינע גרויסע ציין, טרערן האָבן באַגאָסן זיין זויער פאַרקרימט פנים. באַלעקט זיך ווי נאָכן אָפּעסן אַ הינדיק... איבערגעווישט זיין מויל מיט די לאַנגע אַרבל פון זיין בגד... נאָענט צו שטיין נעבן אים איז נישט געווען אָנגענעם.

אין די ווינטערדיקע טעג האָט ער זיך געוואַרעמט ביים הויכן קאַפּל אויוון, איינגעשלאָפן און שטאַרק אונטערשנאַרכעט, מאַכנדיק אַ רעש אין בית המדרש. צווישן מנחה־מעריב פלעגן די קליינע חברה שפּאַסן: מאיר צעבולאש, מאיר כלב, מאיר, ווילסט אַ ציבעלע? דאָס האָט געשטערט דעם שלום צווישן מאירן און די קליינע חברותא.

איין אָוונט ווען מאיר האָט גוט איינגעשלאָפן, האָבן די חברה אים באַגאָסן מיט אַ עמער וואַסער. מאיר, זייער אַ דערשראָקענער, האָט זיך אויפגעכאַפּט. נישט וויסנדיק וואָס דאָ איז פאַרגעקומען. אָבער הערנדיק ווי די לאַבוזעס שטיקן זיך פון געלעכטער, האָט ער פאַרשטאַנען, פון וועמען ס'איז געקומען דער קאַלטער שפּאַס. אַ צעיאַכמעטער פלעגט ער שעלטן מיט אויסטערלישע קללות. דער עולם האָט געוואָלט אים באַרואיקן, אָבער דאָס האָט ליידער נאָך מער צערייצט זיינע קראַנקע נערוון. אַ אומבאַקאַנטער כוח האָט זיך אין אים דערוועקט. געשפּרונגען איבער טישן און בענק, געפאַלן, און ווייטער געלאָפן, מיט היסטערישע קולות געשריגן: וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס ווילט איר פון מיר?

נישט מעגלעך געווען אים צו צוימען. פאַר מורא האָט זיך דער עולם דער־ווייטערט פון בית המדרש.

אַ פאַרמאַטערטער איז ער געפאַלן אויף דער ערד. די בחורים וועלכע האָבן

געלערנט אין בית המדרש, האָבן זיך צוריקגעקערט בשתיקה, טרעפנדיק מאירן איינגעדרימלט, מיט אַ הייזעריקער שטימע, אומפאַרשטענדלעך איבערחזרנדיק: „וואָס ווילט איר פון מיר?” ליגנדיק מיט אויסגעשטרעקטע פויסטן, ווי ער וואָלט זיך וועלן פאַרטיידיקן קעגן די שטיפערס און אפשר אויך קעגן דער אומגערעכטיקייט פון זיין פאטאלן גורל.

משוגענער יאַקאָב מיטן פאַרפום

פון וואַנעט ער איז געקומען האָט קיינער נישט געוווּסט. קיינער האָט זיך אויך נישט אינטערעסירט מיט אים; מיטן אויפגאַנג פון פרימאָרגן באַווייזן זיך אין גאַס, מיטן אָנקומען פון דער פינסטערער נאַכט איז ער פאַרשוווּנדן, אָן אַ באַשטימט וווין־אָרט.

אַ הויכער, מיט אַ לענגלעך פאַרמאַטערט פּנים, אויסגעלייגטע פאַלדן, וואָס האָבן אויסגעזען עלטער ווי ער, געל בלאַס, שרעקיקע רויטע אויגן, אָנגעברוגזט אויף דער וועלט. מאָדנע לאַנגע הענט, אויסגעצויגענע לאַנגע פרויען־פינגער, אָנגעטאָן אין אַ דרייפערטלדיקע מאַרינאַרקע. ליידנשאַפטלעך ראמאנטיש, באַמיט זיך תמיד צו געפונען אין געזעלשאַפט פון מיידלעך. מיט זיינע ווילדע בליקן האָט ער אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די מענטשן, וואָס האָבן געזוכט אים אויסצומיידן. בכדי צו אימפּאנירן די פריילינס האָט ער אַרויסגעצויגן פון זיינע פולע קעשענעס פלעשער מיט פאַרפום...

דערציילט אין וועלכע שטעט ער האָט פאַרבראַכט, מיט פערזענליכקייטן זיך באַגעגנט, געטיילט מתּנות פארפום צו מיידלעך... דערמאָנט אַ אָלקושער פריילין וואָס וועט זיין אין גיכן זיין כלה. אין דעם מאָמענט האָט ער פאַרגעסן זיין עלנט, זיין הונגער, זיינע נישט דערשלאָפענע נעכט.

ס'איז נישט געווען קיין שום חשד, אַז אַלעס וואָס ער שילדערט איז שקר. אויב ס'האָט ווער געשמייכלט אין זיין געגנוואַרט, האָט ער מיט רוגזה רעאַגירט: דו גלויבסט מיר נישט? יאַקאָב טראַכט נישט אויס. אַז יאַקאָב זאָגט קאָנסטו דעם רב גלויבן. זיין צעהיצטע פאַנטאַזיע האָט אויף אים אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז ער האָט ווירקלעך געמיינט אַז ער שפּאַצירט מיט אַ מיידל, פאַרטרויט איר די סודות פון זיין פאַרגאַנגענהייט. יעדן אָוונט האָט זיך דאָס איבערגעחזרט, און באַזונדערס שבת האָט ער געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג.

ווען מען פלעגט אים פרעגן פאַרוואָס ער פאָרט נישט צוריק אין זיין שטאָט, איז אים אַ פּחד באַפאַלן. זיין פיזיאָנאָמיע האָט זיך ביי אים מיטן אויגנבליק פאַר־ענדערט. ער האָט זיך דערפילט דערשלאָגן, אומצופרידן, פאַרזינקן אין זיינע זכרונות, אַנטשוויגן געוואָרן.

נאָך אַ ווײַלע קלערעניש, האָט ער געענטפערט: מיין שטאָט? ווו האָט אַ הינט אַ היים? דאָ פויל איך, דאָ וועל איך פגר'ן! אַ חוץ מזה, ווער וועט מיך דאָ פאַרטרעטן? כ'זע נישט קיין צווייטן משוגענעם יאקאב. ווו קען איך פאַרלאָזן די אַלע פריילינס, כ'וויל זיך נישט שיידן מיט מיין חבר דלות. דאָ בין איך זיכער מיטן חבר דלות.

בעריש אונגער אַ שפּיאָן

זומער 1914. די באַפעלקערונג האָט אָפּגעוואַרט די עסטרייכישע אַרמיי. פלוצים האָט עמיצער געשריגן: אַ ייד גייט צווישן די פערד! צוקומענדיק נענטער האָבן מיר באַמערקט בעריש אונגער, וועלכן ס'האָבן באַגלייט צוויי אונגאַרישע אָפיצירן. מיט שרעק און נייגעריקייט האָבן מענטשן אַרומגערינגלט די הויכע הוזארן... אין שטאָט איז געוואָרן אַ מהומה: בעריש ווערט באַשולדיקט אַלס שפּיאָן. פּאָליטיקער האָבן אַרויסגעזאָגט מיינונגען. איינער האָט געזאָגט: גיי שוין גיי, בעריש אַ שפּיאָן? צווייטער: די "קירעס", זיי קענען חוזק מאַכן פון מענטשן. אַ שפּיאָן דאָס איז זייער ערנסט.

האָט זיך אַריינגעמישט שלמה הערש, וועלכער האָט דערציילט געשיכטעס וועגן שפּיאָנען. "מיט שפּיאָנען — האָט ער געזאָגט — קען מען געווינען אַ מלחמה, און אויך פאַרשפּילן". אויף די פּנימער פון די צוהערער האָט זיך אויסגעגאָסן אַ ערנסטער אומרו. בעריש אונגער מיט זיין ציגענעם שוואַרצן בערדל, אַ רואיקער, אָן דאגות פּרנסה, אַ למדן, געדרייט זיך אין בית המדרש צווישן די ספרים. ביים דאַוונען אָדער תהילים־זאָגן, פלעגט ער איבערחזרן דריי־פיר מאָל יעדעס וואָרט, איבערציילן די ציצית פון טלית, זייענדיק אַ בעל יסורים פלעגט ער געניסן פון דער גוטער לופט אין וואַלד. דאָס האָט ער געטענהט ביי דער אויספאָרשונג פון די אָפיצירן, וועלכע האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט זיך געפונען אין וואַלד פאַרשטעקט אונטער אַ בוים.

אין דעם מאָמענט איז בעריש געוואָרן צעטומלט פון שרעק, מיט זיינע טיפע שוואַרצע אומרואיקע אויגן, זיך איינגעקוקט אין זייערע עקספרעסיווע פּנימער, אָבער נישט דייטלעך געענטפערט: שפּאַצירט! געשלאָפן! אָבער דאָס האָט נישט באַפרידיקט די אויספאָרשער.

זיי האָבן גערופן די "פּני" פון שטאָט, נחום שארף, טעלערמאַן, און עטליכע קריסטן, וועלכע האָבן גאַראַנטירט אַז בעריש איז אַ אָרנטלעכער מענטש, און נישט קיין שפּיאָן... באַלד איז ער געוואָרן באַפרייט פון דעם קאָשמאַר. אַ גרויסע פרייד האָט באַהערשט די מענטשן וועלכע האָבן אָנגעפילט דעם מאַרק. יעדער האָט אים געפרעגט: נו, בעריש, האָסט דיך געשראָקן, בעריש, ווי געפעלן דיר די קירעס?

כ׳האָב געזאָגט אַז מען וועט אים באַפרייען! ס׳האָט זיך דערנענטערט שלמה הערש. ״בעריש, האָסט גרויס מזל. זיי האָבן דיך געקאָנט פאַרשיקן אויף אייביקע קאַטאָרגע״. בעריש שווייגנדיק, קוקנדיק אין חלל, האָט זיך געלאָזט באַגלייטן פון זיין משפחה און פריינט.

שלמה הערש האָט נישט אָפּגעלאָזט בערישן און געפרעגט וואָס ער האָט געענטפערט די קירעס. בעריש, אַ פאַרטראַכטער מיט באַנעצטע אויגן, האָט אַרויסגעשטאַמלט עטלעכע ווערטער: וואָס קען מען ענטפערן טפשים? וואָס קען מען מער זאָגן ווי דעם אמת? כ׳האָב נישט געהאַט מער וואָס צו זאָגן.

לזכרם
של הנספים

אסתר עציון (קולטץ)

היריות - אתחלתא דגאולה

ב״ה

מלים אחדות לזכרם של אלה מתושבי אולקוש שלא זכו לראות בגאולת ארץ ישראל.

אינני ילידת אולקוש ורק תקופה קצרה יחסית הכרתי את יהודי המקום, אולם הזכרונות מאותה תקופה רבים־רבים הם.

הזדמנתי לראשונה לעיירה בהיותי בהכשרה קיבוצית. היה זה בשנת 1933. לא אשכח את מבטי הערגה וההערצה ששלחו לעברנו שעה שאנו, אנשי ההכשרה, הלכנו בחוצות העיירה כדי להביא אוכל חם לחברים אשר עבדו במנסרות. מכל בית ליוו אותנו עינים טובות בדרכנו, כאומרות: חזקו ואמצו, מגשימי הרעיון החלוצי העולים לארץ ישראל.

זוכרת אני מספר חוויות שאותן אתאר במלים ספורות: באותה שנה סוערת, שנת 1933, הזדמנתי לחגיגת הדגל. חגיגה זו נערכה על ידי סניף „המזרחי״ באולקוש. הוזמנתי לחגיגה זו ע״י אחד מחברי „המזרחי״ בעיר.

לא אשכח את המראה המלבב והחגיגי. רחובה הראשי של אולקוש כאילו לבש חג, ונדמה היה שכל העיר משתתפת בשמחת חגיגת הדגל ללא הבדל זרמים והשקפות. הרעיון הציוני — נראה היה — מאַחד את כולם.

נזכרת אני במשפחות אחדות כמו בית שמואל קולטץ ז״ל, שהיה פתוח לכל חלוץ, ולכל העושה למען שיבת ציון. החלוצים היו מקבלים בבית זה הן עידוד רוחני והן עזרה חומרית, במתן עבודה לחלוצים.

לא אשכח את דמותו של משה גוטפלד ז״ל, פטרונם של אנשי „המזרחי״ שדאג לכל מחסורם ולא זכה לראות בתקומת ישראל.

לא יישכח ממני יום עזיבתנו בדרכנו לארץ ישראל. היה זה, כמדומני, במוצש״ק. מרבית יהודי העיירה באו ללוותנו והרגשנו כי רבים היו רוצים להצטרף אלינו באותו מעמד, אולם לא זכו לכך.

לאחר שנים מספר, כשכתבנו מהארץ לחברים שנשארו באולקוש על מאורעות תרצ״ו, על היריות שירו עלינו הערבים בלכתנו לבית הכנסת בכפר חסידים ערב יום הכיפורים, כתב לנו אז החבר משה גלייטמן ז״ל בזו הלשון: יריות אלו שיורים עליכם הן כצלצול פעמוני הגאולה (אתחלתא דגאולה)...

יד הגורל מנעה בעדם מלהגיע לארץ ההבטחה מבעוד מועד.

ינקום ה׳ דמם.

מרדכי שחורי (שוורצפלד)

חלום שהתנפץ


הורים, אחים, אחיות / יקירים בהם קשרתי נפשי / נעלמו ואין להם זכר / גם מקום קברכם לא אדע.
על קברותיכם להשתטח לא אוכל / לשפוך לבי לא יינתן לי. / אויב אכזר עקרכם ממקום שבתכם / בצליפות ובבעיטות גירש את מחמדי. / בעיטות, כדור־מרצחים ואש תופת / מנת חלקכם האחרונה היתה עלי אדמות.
ואני, חלומות פז ארגתי / לראותכם במכורה המתחדשת / לבנות בית חדש שיעמוד לעד / אך השטן הבעיר האש / שרף הכל באותן שנים / וגם חלומי לרסיסים ניפץ.

י. קאליקשטיין


אָלקוש, די היים פון מיינע קינדער יאָרן

א באזוך נאכן קריג


אָלקוש, די היים פון מיינע קינדער יאָרן / ווי זשע נעמט מען זי אַרויס פונם זכרון / און מ׳שטעלט זי אויפן טיש אַנידער / פאַר די אויגן פון די קינדער.
איך בין דאָך אַ אָלקושער /אָט דאָ בין איך געבאָרן / דאָס האַרץ זאָל מיך נישט מוטשיען מער / געקימען כ׳בין צופאָרן.
איך דריי זיך אין די גאַסען אַרום / צו טרעפן זיך מיט אַ באַקאַנטן / און וויל זיך אין אַלעמען צוריק דערמאָנען / נישטאָ קיין ייד — בלויז גויים שפּאַנען.
כ׳שטיי ווי איבער אַ תהום דעם קאָפּ געבויגן / און הארך זיך איין אין דעם עכאָ פון מיין שטים / פאַרשאָלטען זאָלן זיין די שותפים צו דעם פאַרברעכן / די יידן פאַרטריבן — נאָר גויים געבליבן.




ערב האזכרה בת"א—1971
החזן אומר "יזכור" לקדושי אולקוש




הדלקת נר זכרון





חברי הוועד מעלים את זכר הנספים





ועד יוצאי אולקוש — בערב האזכרה





יוצאי אולקוש בכנס השנתי





יוצאי אולקוש מתייחדים עם זכר יקיריהם

ל. בלומענפעלד

אלקושער פריינט אין פאריז

נאָך דער באפרייאונג, ווען די וועלט האָט אַ ביסל אָפּגעאָטעמט נאָכן גרויסן קאָשמאַר, האָבן מיר מיט אַ אומרואיקער ציטערניש זיך געאײַלט צו וויסן ווער ס'איז געבליבן לעבן. ווער ס'איז געוואָרן דעפּאָרטירט. די ערשטע טרויעריקע ידיעות האָבן מיר באַקומען פון יחיאל פּאליוואדא אין שפּיטאָל, וועלכער איז צוריקגעקומען אַ צעבראָכענער פון אָשוויץ, ווו זיינע עלטערן (חיים־משה, לאה) זענען אומגעקומען. אין אָשוויץ זענען אויך אומגעקומען בונם שטיינבערגס פרוי מיטן קינד. מלכה'לה מיט איר טעכטערל, שמחה קאַרצפּעלדס פרוי, מיין ברודער מאָטל בלומענפעלד.

פון די לאַגערן זענען געקומען: לעאָן ערענפריד, שמעון שטאַרק, מרדכי לעפקאָביטש, פון רוסלאַנד איז געקומען יאָסל ליפּשיץ.

משה לעפקאָוויטש, אַ אויסגעצייכנטער מיט מעדאַלן, זייענדיק אַ קאַפּיטאַן, אַ העלדישער קעמפער קעגן די נאַציס, האָט שוין דעמאָלט געפילט די פּאַרפּעסטעטע אַטמאָספערע און פאַרלאָזט די פוילישע אַרמיי. בעריש (בערנאַרד) לעפקאָוויטש, בונם (בערנאַרד) שטיינבערג, מענדל ציגלער זייענדיק אַנגאַזשירט אין דער פראַנצויזישע אַרמיי, זענען פאַרבליבן אין געפאַנגענשאַפט ביי די דייטשן ביזן סוף פון היטלערס מפּלה.

אונזער טעטיקייט

נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, האָבן מיר, קאָפּל גראָסמאַן ז"ל, יקותיאל קרוק ז"ל, נארציס, דוד זאבארמאן, ב. לעפקאָוויטש, ב. שטיינבערג, רחל ראַטמענטש, יוסל ליפּשיץ און דער שרייבער פון די שורות, געגרינדעט די געזעלשאַפט "פריינט פון אַלקוש". צום אָנדענק דערמאַן איך מיר עמיל ריינהערץ ז"ל (הגם נישט קיין אַלקושער), מרים קרוקס מאַן, וועלכער האָט מיט דינאַמישע פעאיקייטן צוגעטראָגן אַ וואגיגן בייטראַג צו דער טעטיקייט פון דער אַלקושער שארית הפליטה. מיר פלעגן איינאָרדענען בעלער און באַנקעטן. אויף אַ פייערליכן באַל האָבן מיר אויפגענומען אונזער לאנדסמאַן פון ישראל, שמעון פרידמאַן. אויך

שמחה קארצפעלד פון אַמעריקע האָט אָנטייל גענומען אויף אַ פייערונג פון אונזער געזעלשאַפט. ער איז טעטיק ביי די אָלקושער אין ניו־יאָרק וועגן שאַפן געלט פאַרן יזכור בוך.

מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל אויפן בית־עולם (באניע) פאַר די אומגעקומענע משפחות אין אָשוויץ. אין די טעג פון ימים נוראים, באַערן מיר אויפן בית עולם, אַלע מאַרטירער, לאַנדסלייט, און סתם פאַרשטאָרבענע פריינט.

יעדעס יאָר אין חודש סיון פאַרזאַמלען זיך אַלע אָלקושער, און עס ווערן אָפגעריכט אזכרות צו דער יאָרצייט נאָך דער מערדערישער עקסטערמינאַציע, פון אונזער געוועזענעם שטעטל אָלקוש. אין דער לעצטער צייט אינטערעסירן מיר זיך ערנסט מיטן צוגרייטן דאָס יזכור בוך.

יוסף ליפשיץ (פאריז)

דער אלקושער מאנומענט אין פאריז

נאָכן אָנקומען קיין פּאַריז אין 1946 האָבן מיר, אָלקושער לאַנדסלייט, זיך צונויפגעזאַמלט נאָך דעם טראַגישן חורבן וואָס האָט אונדז אַלעמען געטראָפן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה און באַשלאָסן אויפצושטעלן מיט אַלגעמיינע כוחות אויפן פּאַריזער בית־עולם אַ מאנומענט צום אָנדענקן פאַר די דעפּאָרטירטע פון פראַנקרייך און אויך פאַר אונזערע נאָענטע פון אָלקוש.

אויפן מאָנומענט איז געוואָרן פאַרייביקט דורך אויסקריצן די נעמען פון אונזערע משפחות — דעפּאָרטירטע און געפאַלענע פון פראנקרייך. עס זענען אויך אויסגעקריצט געוואָרן נעמען פון אונזערע משפחות אין אָלקוש.

ביים מאָנומענט געפינט זיך אויך אַ קבר. אין קבר געפינט זיך באַערדיקט אַן אָלקושער מיטן נאָמען גראָסמאַן, וועלכער איז געפאַלן אויפן פראַנצויזישן פראָנט.



מצבה לזכרם של הנספים יוצאי אולקוש שהוקמה בצרפת

דאס יידישע מארטירער־הויז אין פאריז

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז דאָ, אין פּאַריז, אין סאַמע צענטער, אויפגעשטעלט געוואָרן אַ הויז צום אָנדענק פון יידישן דעפּאָרטירטן און קעמפער קעגן די דייטשן.

די הויפּט־איניציאַטיוו איז געקומען פון דעם גוט באַקאַנטן געזעלשאַפטליכן טוער אין פּאַריז, הרב יצחק שניאורסון. אַ דאַנק אים איז פאַרייביקט געוואָרן דער אָנדענק פון די יידישע קרבנות פון די היטלעריסטישע מערדער — נישט בלויז פון פראַנקרייך נאָר אויך פון אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער.

אין דעם מארטירער־הויז געפינט זיך אַ מוזעאום פון פאַרשידענע אָנדענק־פאַרבלייבנישן פון פאַרשידענע לאַגערן, געטאָס, פאַרברענטע שולן, פון בונקערס און פון אַנדערע פלעצער ווו יידן זענען פאַרפאָלגט געוואָרן. מען זעט דאָרט אויך פאַרשידענע בילדער פון געטאָ־אויפשטאַנדן פון יידישע פאַרטיזאַנער און זעלנער פון פאַרשידענע מיליטערן. עס הענגען דאָרט אויך מאַפּעס פון פאַרשידענע לענדער פון וועלכע מען האָט דעפּאָרטירט יידן און עס איז אויפגעשריבן זייער צאָל.

וועגן אָלקוש ווערט דאָרט איבערגעגעבן אַז די דאַטע אין וועלכער מען האָט דעפּאָרטירט די אָלקושער יידן איז געווען דער 6־טער יוני 1942. עס איז אויך אָנגעגעבן די צאָל פון די „אויסגעזידלטע" (דעפּאָרטירטע) — אַלס 13,000 פּערזאָן. איך דענק אַז די דאָזיקע ציפער ענטהאַלט אין זיך נישט בלויז די אָלקושער דעפּאָרטירטע נאָר אויך יידן פון אַרומיקע ערטער וואָס זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין אָלקושער געטאָ. פון סאָסנאָוויעץ זענען די יידן דעפּאָרטירט געוואָרן עטלעכע מאָל און אין פאַרשידענע יאָרן. זייער אַלגעמיינער צאָל ווערט אָנגעגעבן אַלס זעקס און צוואַנציק טויזנט.

ליידער האָבן די דייטשן געהאַט אויך יידישע מיטהעלפער. אין אָלקוש האָבן זיי צוגעהאָלפן די טשארניעצקיס און נאָך אייניקע. אין סאָסנאָוויעץ איז באַקאַנט געווען, ווי מען גיט איבער, מאניעק מערין וועלכן מען האָט געקרוינט אַלס "קעניג" פון די זאַגלעמביער יידן.

אליעזר גולדברג, יושב ראש הועד של ארגון יוצאי אולקוש בישראל

פעולות הוועד

ארגוננו, ארגון יוצאי אולקוש בישראל, נוסד בראשית שנות החמישים כאשר החלו להתקבץ בישראל הניצולים, שארית פליטת העיירה אולקוש, עם קרוביהם וידידיהם שעלו ארצה לפניהם.

בשנת 1958 הוקם הוועד של הארגון ובו החברים: אליעזר גולדברג, ישראל שוורצברג ז"ל, יהודה דרורי, פנחס גלייטמן, יהודה יעקובוביץ, אברהם יעקב וייצמן ואחרים.

ההתענינות בארגון הלכה וגברה וכתוצאה מכך גבר מספר הכנסים. האנשים החלו להתכנס כמה פעמים בשנה מחוץ לאזכרה השנתית.

ההכנסות שהפקנו מהאזכרות היו קודש לפעולות סעד לנזקקים לכך והכספים חולקו בין הנצרכים לפי אישור חברי הוועד. סכומי התמיכה הגיעו עד לכמה מאות לירות.

כיום התחזק הארגון שלנו, שכן רוב יוצאי אולקוש נענים לקריאת הוועד בכל מה שהם נדרשים אם כי יש עדיין בודדים המתנכרים לארגון ואינם מעונינים כלל בהידוק הקשרים עם בני עירתם.

לעומתם יש מספר חברים המגלים יוזמה רבה ומקדישים הרבה מזמנם וממרצם לטובת הארגון. במיוחד ראוי לציון חברנו מרדכי שחורי שהשקיע מרץ רב בהוצאת ספר הזכרון. כמו כן יבואו על הברכה החברים פנחס גלייטמן, מנחם רוזנבאום, יהודה יעקובוביץ המסייעים הרבה לוועד לקיומו של הארגון והרחבת פעולותיו. אילולא עזרתם הרבה של כל אלה לא היה עולה בידינו להגיע לפרסומו של הספר.

ימי האזכרה והפגישות האחרות בין יוצאי אולקוש מסבים למשתתפים בהם סיפוק רב. בנוסף להעלאת זכרה של עיירתנו נהנים הם ממיפגש חברותי עם אלה שאיתם בילו חלק ניכר מחייהם בעיר הולדתם. לי באופן מיוחד יש עונג רב להיפגש עם מי שהיו בעבר תלמידות ותלמידים שלי.

סניף ארגוננו בצרפת גם הוא מראה פעילות רבה בהנהלתו של לייבל בלומנפלד שטיפל הרבה בהכנות לקראת הוצאת הספר, כתב בו מאמרים אחדים והתמסר לפעולות ההנצחה של אולקוש.

תודתנו הלבבית שלוחה לכולם בשם הוועד.

ונתתי להם בביתי ובחומותי
יד ושם - - - אשר לא ייכרת

(ישעיהו נ"ו, ה')

ייזכרו־נא לעולמי עד שמותיהם של קדושי עיירתנו אולקוש אשר נכחדו בשנות השואה הנוראה שפקדה את עמנו בראשית שנות הארבעים למאה זו — מידיהם של הנאצים ועוזריהם ימ"ש.

אנו, שארית הפליטה של קהילת אולקוש, שהתכנסנו בארץ ישראל ובתפוצות הגולה, רושמים בזה את שמותיהם של אלה מקרובינו ומכרינו הידועים לנו. לא מעטים הם אלה שלא השאירו קרוב וגואל באשר הוכחדו משפחות שלמות.

את זכרם של כל אלה שנספו על לא עוול בכפם לא נשכח כל עוד אנו חיים עלי אדמות.

א.

אונגר ואשתו מלכה
נחום, אברהם ועוד 4 ילדים

אידלמן חיים שמואל
שרה, יעקב, ידידיה, פרץ

אידלמן
גיטל בת חיים יעקב

אייבערשיץ
אברהם, שיינדל, מינדל, הינדה, ליבה, אילה

אסטרייכער יוסף ושרה נחה

אסטרייכר בנימין אליעזר ורבקה
ברוך הענשיל, יהודית, ישראל־מאיר

אפלבוים אליעזר לייב, ליבה חיה,
מרדכי, פייגה

אפלבאום אליעזר, חיה ליבה
פייגלה

אפלשטיין אברהם ורעיתו אסתר
איטה, צפורה, פנינה

ארליך יעקב וחוה
לאה, לייב, טאובה

ב.

בארשטיין משה יעקב ולאה
הילדים

בויגיר לייבל וחנה
גצל

בורנשטיין לייביש וחוה
ישראל מרדכי, שמואל הירש, לאה

בייגעלמאכער יהושע וחוה (ליפשיץ)
מענדל־וואלף, קלארה

בירמן שלמה ותמר

בלאדי אברהם ובלומה

בלום לייזר ושורה דינה
אלה, מאיר־דוב

בלומענפעלד חוה גיטל ופייגעל
הינדל, רחל, וואלף

בלומנפלד שלמה־הירש ובײלה־בלומה
מאיר־משה, לייבל, יוסף חיה־דובלה, רחל, טאוצה, פסלה, גיטל

בלומנפלד נחום וציטל
שני ילדים

בלומנפלד פייגל
נחום, רחלה, בלימה, צינה ועוד ילדה

ברגר יצחק ובריינדל לבית בורנשטיין
מרים, רבקה ושרה־לאה

ברונר
וואלף, רבקה, חנה, חיה, אביגדור, פסיל, ישראל, ליבה

ברונער אוריש ובאלטשע
זיסעלע, שרהלה, פעסעלע

ברוקנר אברהמלה וניכה

ברין
חיים דוד, משה

בריקס דוד ואלטה מנדזיה
פישל אפרים

בריקס אריה ובת־שבע

בריקס יעקב ומנדזיה
בריינדל

בריקס אברהם חיים וגיטל
חנה, שמעון

ברקוביץ יוסף וחוה
הבנים, הבנות והנכדים

ג.

גאָלדבערג אברהם ורבקה
הירשל, צביה

גוזו זלמן ומאשא
חיה, לייזר, בריינדל

גוטמן אבא אידל
גיטה ורבקה

גוטמן ברק ורוזה (גרוסמן)
בריינדל, אברהם

גוטפלד משה ואשתו
חוה, יצחק וליפא

גוטפריד חיים ובײלצה טנדלר

גוטפריד יצחק ושיינצה בראדלסקי
בתה רות פרדלסקי־גוטפריד

גולדפלד משה ורחל
מיכל, צבי־הירש, רחל

גולדפלד שלום
חנה, רייזל, משה

גולדפלד וולף בן־שלום ואילקה (קלפר)
רחל, רייזל, שפרינצה, מאכו

גולדשטיין חוה ובעלה
הילדים

גולדשין יצחק מאיר ושיינדל פרימיט
פייגל, רבקה, רחל, לאה, אלחנן, יעקב, מרדכי בעריש

גלברד יוסף ולאה
שרה

גלזר אברהם ובלומה
יהודה

גליקשטיין משה וסערצאַ
פרץ, פייגל, יענטיל, חיים יצחק

גלייטמן רבקה
הילדים

גלייטמן בריש ושרהלה
הנה'לה, חנה'לה, שפרה, רחל, חיים, יהודה

גלייטמן לייבוש וחנה'לה
זיסעלע, ניכה ורחה

גלייטמן זליג וחנה'לה
שמואל, יהודה, משה, טוביה, שפרה

גלייטמן שמעון וחיה
חנה־לאה, נחום, אהרן, יעקב יוסף

גלייטמן חיה ניחה

גליקסמן הרשיל ולאה

גליקשטיין אברהם ורוז'ה
איטה פלה, יומק, נתן

גליקשטיין חיים הרש וינטה
משה יצחק, אברהם ישראל, שמוליק

גליקשטיין משה וסרצ'ה

גראסמאַן חיה
אסתר (וייצמאן), רויזע (גוט־מאן), טשארנע

גראסמאַן לייבל

גראָסמאַן הינדע
חיים הירש, חנה

גראער חוה

גרוסמן ישראל וריקל

גרוספלד שרה
הנו, שיינדל, אברהם, הרשל, לאה

גרושצינסקי מרדכי ושפרה
הילדים

גרטלר ברוך ולאה
הנדל

גרטלר יחיאל ואסתר
שני ילדים

גרטלר יחיאל דוד וקיילה
משה לייב, אהרן, דינה, לאה

גרטלר מנדל ורבקה
שלושה ילדים

גרטלר ישראל צבי ושרה איידל

גרטלר משה לייב ודינה

גרטנר בלומה ובתה

גרטנר לייביש ומטיל
(הרשיל) צבי

גרינבאום שמואל הירש וחיה
לייבעלע

ד.

דיקמן מאיר ואיטלה לבית רוזנפלד
שרה

דפנר רבקה

דפנר ראובן ושרה שיינדל
רחלע, טויבע, חיים

ה.

האגרמן משה ופרימיטל
יצחק, אברהם, מלכה, נתן

האלצדארף דוד ואיטל

האלצדארף משה־לייזר ודבורה

הארוויטש יהושע הערש הלוי

הירשבערג רפאל ולאה
יוסל, אברהם־יהודה, יצחק, יחיאל

הוכרמן מארעלה
אדש, חוה, לורקה

הופמן הלנה
אברהם ועוד ילד

הופמן שלמה, שו"ב, ושרה
טוביה, יחזקאל, יעקב

הורוביץ־שטרנפלד, האדמו"ר מחנצין

הורוביץ־שטרנפלד (הרב) נתן דוד, בן האדמו"ר
ואשתו לאה בת האדמו"ר מאו־זרוב. הילדים: חיה רחל, רייצה, חיים שמואל, מילכה, שלמה לייב

היפשר טוביה, חתנו של חיים
שמואל רחנפלד
חזי (יחזקאל)

הלברגי לאה (רוטנר)
הלה

הלר לייבוש ולאה
הנדלסמן יואל וחנה טעמע
גיטל, חיים

העלר יהודה וחיה

הערביט אלחנן ולאה

הפטר
משה, פרל, מרדכי

ו.

ודאווינסקי שמואל ולאה
חנה מינדל, קלמן

וגער שמואל, פעסעלע מלכה
שרהלה, אסתרל, וועלוועלע

ויינגרטן פריידל בת דב
הבת אסתר

וילהלם (יעקובוביץ) גולדה

וילהלם מיכאל שרה וילדה

ויינבלום אברהם־שייע ואסתר
ויינבלום אברהם יהושע ואסתר
עמנואל, חנה, רויזע, יעקב,
מיניא

ויינשטוק לייבוש ובלומה

ויינשטוק ראובן, ישראל, גיטל,
רחל

וייס, אברהם וחיה
שלמה, טאלצה, ישעיהו

ווילמאן טויבעלע (צפורה)

ווילמאן לייב (אריה)

וילמן יוסף וטובה
אריה, דוד, ראובן

וילמן אברהם צבי ואסתר
שלמה אריה, יטה, שעיה,
טאובה

ויסלפיש קלמן וחוה
יוסק, חיים

וייסמן ליפצ'ה

וייסמן יצחק ואסתר וילדיהם

וייצמן יחיאל ואסתר
יהודה אהרן, ישראל יצחק,
קלמה עוזיאל, צבי מנחם

וייצמן אסתר (גרוסמן)

וייצמן לאה ובראנדל

וייצמן פייגעלע

וייצמן טאובה
ישראל ורושקה (לבית קולין)

וייצמן גיטל (זילברפריינד)
יצחק, יששכר

וייצמן יחזקאל ורבקה טנדלר
רות

וייצמן אברהם־אליעזר
יחזקאל, טוביה, לאה

וייצמן משה מרדכי ומלכה חיה
הינדה, פלה, שרה, רחל ודוד

ולדמן הרשיל ומלכה
בני

ולטמן דוד

ולטמן אברמלה וגוציה
אסתר, בריש, מנדל, מלכה

ולטמן יעקב ובלציה
לייביש, טובה, מנדל, ברוניה

ולטמן הרשל ומלכה
בריש

ולטמן משה והלה

ולטמן לייביש וברכה
יעקב, אסתר, לאה, יצחק, דוד, מאיר

חיים, מאיר, בריש

וקסברג ראובן ושפרינצה
יצחק, טובה חיה

ורדיגר שמחה וגאולה והילדים

ז.

זייאנץ מלך מנדל וחנלה (קרנר)
שרה, בריינדל, לייקה, הענדילה, חוה

זיידובר אסתר בת יוסף וליפצ'ה וייסמן

זילברשטיין דב והלה
אריה, זאב, שלום, זיסמה

זילברשטיין
טוביה, רבקה, לאה, מרדכי

זינגר לייבילה ושרה
טובה, זלדה, מלכה, מרדכי

זינגר לייבל ומשפחתו

זינגר משה יחיאל ושיינדקה
טובה

זינדבנד
ישראל, טאלצה, ישעיהו, אברהם

זלינגר שלמה וגיטל
דוד, חנה, שרה, זיסל, פסל, ינטל, חיים ראובן, מרים רוזה

ט.

טאוב חיים (הרב), החתן של ה־אדמו"ר מחנצין, אשתו חנה, הבת מלכה, הבן יחזקאל והבת פריידה ראדל

טאטרקה מלך ולאה
הרשל, אסתר, רחל

טנדלר יהודה אריה ומלכה
חיים שמואל

טנדלר יוסף ברוך וחנה
רחל

טנדלר שמואל דוד וטובה
יהודה, פנינה

טנדלר שמעון וגולדה
רחל

טקל יוסף ולובה (קורצפלד)
מרים

טשאמיינסקה משה ושרה רבקה
דאטיל, וואלף, אסתר, זלמן

י.

יעקובוביץ אברהם וגולדה
חיה, משה אהרן, יוסף, שמואל, מרדכי

כ.

כהן ואשתו
מרדכי

ל.

לבקוביץ מאיר בן משה ופסלה
לבית רוזנפלד
פריידצה, לאה

לבקוביץ שמעון ודבורה
שמואל, ישראל משה, יוסף,
טאובה לאה, מרים מנדל

לבקוביץ סנדר וגיטל וילדיהם

לבקוביץ דוד ורבקה
הערשל, טובה, איידל, מלכה

ליפשיץ דבורה (קרייטצער)

ליפשיץ בלומה (זיידמאן)
קלארה

לנדר דוד ורוזה

לנדר יוסף ושיינדל

לסמן גיטל ומשפחתה

לסמן ישראל מאיר ומרים ויטל

לסמן יחיאל ומשפחתו

לסמן יהושע ומשפחתו

לסמן ירחמיאל

לסמן פרילה ומשפחתה

לסמן רבקה ומשפחתה

לסמן מינדזה ומשפחתה

לסמן אסתר ומשפחתה

מ.

מאיערטשיק שלמה ואשתו
לייב, פייגה ועוד שתי בנות

מאסלער יעקיל ודבורה
גאלדע (מאגייר)

מורגן אהרן ושרה והילדים

מיכובר עמנואל וגיטל
חוה בריינדל, לייב אהרן

מייטליס ישעיה ורבקה
ביילה, חנה, שלמה, משה צבי,
פייגלה

מייטליס משה ורייזל
סאלה ומניה

מייטליס יצחק וצפורה
פייגיל, זלדה, אלטער, הרשל,
לאה

מייטליס דוד ופריידע

מייטלס אשר ורהל
גיטל לאה, פייגל, מרים, רבקה
הרצקה

מעלצער יעקב ומלכה
רחל, גיטל, בנימין, אברהם

מצנר שלמה ושרה
משה, יעקב, ברוניה

מצנר יצחק מאיר
משה

מצנר יצחק מאיר וחיה
בלומה, שיינדל, שמואל ראובן

נ.

נוימן אלטער־יחיאל ושרה
לייב, יצחק, מלכה, חנה גיטל

נורק זיגמונט

נרציז נתן וטשארנע (גרוסמן)

ניימארק בנימין ותנה לאה
רבקה לבית גלוקמאן

ניימארק שלמה וחוה

ס.

סאפירשטיין פרומה ובעלה טוביה גלייטמן
הילדים

סאפירשטיין יעקב וברוניה
הילדים

סאפירשטיין זליג וחנה
הילדים

סאפירשטיין יצחק ורבקה

ספירשטיין חיים וחנה לאה
אברהם, זימק, משה

סנקביץ מוטל ורעיתו והילדים

ע.

ערענפריד בלומה
גיטל לאה

פ.

פאנקובסקי יוסף צבי וריבה (גאלדקורן)
יעקב, שלמה, משה, ליב (יהודה), חיים בצלאל, שרה, חיה יוטל

פאראסול יז'יק, בן אפרים ופלה

פאראסול יוסף וברונקה

פוטוק מארק ולורקה

פוקסברונער רבקה ובעלה

פוקסבראנער אברהם אליעזר ונחה
רויזע פריימאן, גאָלדע שקלאז',
בלומה שפיגל, חיים יוסף

פיינער גוטעלע, בעלה והבת

פיינער חוה ובעלה
שני ילדים

פיינער רחל ובעלה בן יצחק
שני ילדים

פייערשטיין
לאה, יוסף, אברהם

פינקוס בעריש ושפרינצע
שרה

פלדבאום הנדל וגולדה
דבורה

פלדבאום ישראל וגיטל

פלוך אברהם ושרה־ראדל
דינה גולדפריינד, חיים־מאיר
והנכדה פייגעלע גולדפריינד

פליקס שלמה
שרה, שמואל, יצחק, מרדכי,
חנה, חיים, יעקב־יוסף

פסרמן משה ולובה
שמואל מנדיל, ראובן, שרה,
הרש מאיר, חיים, חנה, יוסף

פסרמן אלטה בת חיים יעקב

פראנק יצחק מאיר ושיינדל
מיכאל, חיה, ניחה בת של חיה,
שושנה

פראנק מיכאל ואלקה

פראפעסארסקא חיה שרה
מאיר, רייזל

פרובולובסקי בנימין ואיידל
והילדים

פרוילך יצחק לייב וזלדה
משה בריש

פרוילך ישראל צבי ושרה איידל
ירחמיאל, יחיאל, אטל, פריידל,
יוכבד

פרידמן איטשה ורעיתו
הרשל נפתלי ושלוש אחיות

פרידמאן יעקיל
מלכה, יחיאל

פרידמן משה וגוציה
אריה, פערעלע, ברוך

פרידמן יקותיאל ואשתו והילדים

פרידמן מרים

פרנקל יצחק דב ורחל
יוסף, שלמה מאיר, אהרן,
שמואל צבי
הוריהם: אברהם וצירל

פרנקל מנחם וגיטה

פרנקיאל מאיר ומשפחתו

פרנקל בעריש והגדל
שיינדל, משה, פרימט, צפורה

פרנקל מאיר
צילה, רבקה, צסיז

פרנקל שמחה ושפרינצה

פרנקל מנדל

פשכצקי מוטל ומנצ׳ה והילדים

פשעחאצקי בריש והענדל והילדים

פשעחאצקי
בלומה, חולה, ישראל־לייב,
רבקה

פשחצקי יצחק

פשחצקי לייביש ורנה
פרימט, גיטל, מלכה, יצחק
אייזיק, מוטל, פסלה, הרשל

פשעחאצקי
וולף, פרימט, יצחק מרדכי,
אסתר

צ.

צוקרמן לייביש ויוכבד
גוצ׳יה, שרה, לאה, אברהם

צוקרמן ראובן ופייגילה
יהודה, יוסף

ציקערמן משה היים ולובה
חיה, יעקב, רחל, פייגל, מרים,
חנהלי, דוד

צ׳רנצקי הרשל
מוטל (מיטעטק) ומשפחתו
לאון ומשפחתו

צימבערג גרשון ובלומה רחל
יהודית ומאיר

ק.

קאלין הערשל ולאה
רוזשקע

קאלמאן לייזר ומאשה

קולטש שמואל ורחל
פסה, מרדכי, חיים, דוד, אהרן, ישראל

קולין הירש ואשתו

קופלביץ
רחל, שמחה

קופפרברג אריה ופייגל
מרים רויזה

קורצפלד שלמה חיים ורבקה

קורצפלד דוד וחנה
מניה

קורצפלד רבקהלה והנהלה

קורצפלד וואלף אהרן ואלה
הרטה, שלמה

קורצפלד
מלכה, פרידה

קירשנבוים שלום ומרים

קייזר ישראל ולאה
דבורה, דינה

קליקשטיין רפאל יעקב, שו"ב ומירל
אסתר, יחזקאל, יצחק, משה

קצ'קה מיכאל ורוז'קה (שרמן)

קצ'קה משה ורבקה
דבורה, פרידה

קרוק משה
אטל, לאה

קרוק יוסף ובײלה רחל
חנה רבקה, לייבל

ר.

ראבאק משה יעקב ושרה
הירשל, זעלדא, יענטע, מינדה

ראָזענבערג אהרן ופייגל
מלכה, אברהם, פריידה

ראָזענבערג משה וחיה
אברהם יצחק, זיסל, מאטיל, מענדל

ראטנער חיה
אלעק זישא, טויבע רחל

רובינליכט חיים ואסתר
שלמה, יאדזיא, סאלעק

רוזנבאום אריה ופסל

רוזנבלום אברהם יצחק ורעיתו

רוזנבלום בן יהודה מאיר וחנה
הנלה

רוזנבלום דוד ורעיתו
הילדים

רוזנבלום משה מרדכי ושרה
זעליג, דב, אפרים נתן, זלדה

רוזנבלום שלמה ורעיתו
הילדים

רוזנפלד משה הירש ולאה (לבית פוגל)
שלמה, בני (בנימין)

רוזנפלד חיים שמואל ואייגה

רוזנפלד מאיר וטאובה
וואלף, ישראל

רוזנצוייג אברהם וגולדה

רוטגרונד חיים ולאה
שרה־פייגה, זכריה, הרצל,
יצחק, יטל אסתר,

רוטנר אלטר ושרה
שרה־שיינדל, זיסל, לאה

ריטברגר יצחק אייזיק
רוז'קה וחיים (ריסק)
רייספלד יצחק וזיסל
חנה, חוה

ש.

שורצפיטר שרה לבית קסטנברג
אלטה־מנדזיה

שוורצפלד אברהם וגיטל (טובה)
לאה, חנה, צפורה, ברכה, משה,
יוסף

שוורצפלד יחזקאל ופולה
נינה

שוורצפלד הרשל (צבי) ואשתו
שוורצפלד זימל ואשתו
הילדים

שוורצפלד פיניה (פנחס) ואשתו

שטיינברג רחל שרה
חנה, יצחק

שופל דוד ורחל

שופל יעקב־קופל ורבקה
פסיל, יחיאל, מלכה, ראובן

שורצברג יוסף ובריינדל

שורצברג משה ודובציע
טושקה, ויאדזיא

שורצברג יחזקאל וסימציע
פלה, סלק

שורצפיטר אברהם דב ודבורה־הינדה
צפורה

שטארק משה וחנה (ליפשיץ)
שלושה בנים

שטרק אהרן דוד
מרדכי מנדל, יצחק, מרים,
אסתר

שטיינברג יעקב ושרה פייגה
חוה, פישל, אברהם יעקב

שטיינברג חנוך ופרימט

שטילמאן יוסל ובײלה
חנה, רייזעל

שטערן יצחק וחוה
ברוך

שטרק חיים ומהלה
בנדיט, שמעון, ברוניה

שטיינברג יחיאל מאיר ורייזעל

שטיינבעגס רחל שרה
אברהם, יעקב, חנה, תמר

שטרק אברהם ומלכהביילה
אהרן מאיר, ישראל, פרל, רוזה

שטרק הלל ומלכה
מאיר

שטארק הינדה (ליפשיץ)
לייטשע, קלארה

שיקמן שלמה וחנה
הילדים

שנצר רחצ'ה ומוטל־מלך אונגר
הילדים: אברהם, מלכה

שפיגלמן נחום
רחל, חיה

שפיגלמן משה וטובה
מאיר, לייביש, יונה

שפילמאן רחל

שפרינגר משה שמואל ורוחלה (לבית פשחצקי)
חיים, ישראל, לייב, דוד, אסתר

שמעון, וואלף, הניה, מלכה, מאיר

שרמן מאיר ורבקה
רייזיל, מלכה, לאה, אברהם, קייניס דבורה, משה לייב, רושקע

שרמן אברהם ואיידיל והבן

שרר ישראל
פנחס, אהרן מורלי